STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05522

DI IDISHE NEVIIM

Isaac Unterman

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben-Ami Lipetz
in memory of
Esther Adele (Lipetz) Strauss

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אידישע נביאים

צווייטער בוך

די אידישע נביאים

צווייטער בוך

— פון —

דר. יצחק אונטערמאַן

פרייז 1 דאָלאַר

1938

ביז איצט דערשינענע ביכער פון דר. יצחק אונטערמאן

אידיש :

אידישע און אלגעמיינע דערציאונג, שיקאגא 1916
פון די שחיטה שטערט, ניו יארק 1928
די געשיכטע פון אידן אין ניו דזשוירזי, דריי בענדער, נוארק, 1935
אונזערע ימים טובים, צוויי בענדער, פילאדעלפיא, 1936

העברעאיש :

מעשיות לילדים, 8 אילוסטרירטע ביכלעך, פארלאג „ביבלותיקה לילדים", ווארשע, 1921

ענגליש :

THE FEAST OF ESTHER, CHICAGO, 1918
GRAPHIC PORTRAITS, NEWARK, 1928

ס'איז פארבאָטן איבערצודרוקן אָדער
איבערצוזעצן טיילווייז אָדער אין גאנצן
אָן דער דערלויבעניש פונם מחבר.

Copyright 1938
By Dr. Isaac Unterman
Newark, N. J.

PRINTED IN THE U. S. OF AMERICA

אדרעס פון מחבר :

DR. I. UNTERMAN
520 Clinton Avenue
Newark, New Jersey
U. S. America

מיכה

מיכה האָט געלעבט און געוויירקט אין דער זעלבער צייט וואָס אונזער גרעסטער דיכטער־נביא און דענקער, ישעיהו בן אמוץ. ס'איז א סברא, אז ער איז געווען איינער פון זיינע פילע תלמידים און קלענערע נביאים, וואָס האָבן אים מיטגעהאָלפן אין דער פארשפרייטונג פונם ־עיון און געדאנק וועגן אן איבערבלייב, שאירית הפלטה.

פונקט ווי ישעיהו, האָט אויך מיכה אָנגעקליידט זיינע זעאונגען אין א דיכטערישער פאָרם, אין א קינסטלעריש־סטיליזירטער שפראך, וואָס איז פארוועבט אין הארמאָניש קלאנגפולע פערזן און פארכאפנדיקע בילדער. מיכה'ס סביבה איז אָבער געווען אן אנדערע ווי ישעיהו'ס און אין זיין גייסטיגקייט פילט זיך דאריבער מערער דער איינפלוס פון עמוס אײדער פון ישעיהו. ישעיהו איז געווען דער גרויסשטאָדטיקער, דער ירושלים'ער איינוואוינער און קרוב למלכות, אזוינער וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין קעניגלעכן הויף און צוגעזען דעם פארשייטן, הולטאיסקען לעבן פון די הויף בעאמטע און אריסטאָקראטן. מיכה איז אָבער געווען דער פשוטער פאָלקסמענש, דער וואָס האָט זיך דערצויגן אויפן פרייען פעלד אונטער דער ברענענדיקער זון און קילן ווינטעלע פונם דרום'דיקן טאָל.

דאָרטן אין טאָל, ביים סאמע גרענעץ פון לאנד פלישתים, געפינט זיך דער קליינער דאָרף מורשה, און דאָרטן האָט ער צוזאמען מיט די איבריקע קאָלאָניסטן וועמען עזיהו מלך יהודה האָט דאָרטן באזעצט, אנטוויקלט און קולטיווירט דאָס ניי דערוואָרבענע לאנד. דער דאָזיקער געגנט איז געווען זער א פרוכטבארער, און האָט אנטהאלטן דעם גאנצן תבואה אוצר פון יהודה. די איינוואוינער זיינען אלע געווען פשוטע פאָלקסמענשן, הארציקע און פריינטלעכע, גאָספורכטיקע און יושר'דיקע, און זיינען געווען צופרידן מיט זייער שווערער ארבעט און אָרימע פארדינסטן.

אין דער פאליטיק פון לאנד האָבן זיי זיך ניט געמישט, און אויב זיי זיינען ווען אמאָל געקומען אין ירושלים, האָבן זיי זיך פון איר גרויסשטאָדטיגקייט ווייניק אָפגעלערנט. געגאנגען אהין זיינע זיי בלויז מיט

איין איינציקן צוועק : אָפּצוגעבן א דאנק דעם רבונו של עולם און צו בעטן אים שוץ קעגן די פילע פיינט וואָס פלעגן אָפּט אויף זיי אָנפאלן. נאָענט נעבן מורשה זיינען געלעגן די פלישתים, אביסל ווייטער זיינען געווען די וואנדערנדיקע שבטים, און אלע פלעגן זיי באפאלן די אידישע קבוצות און אויסליידיקן זייערע שייערן. ערגער איז עס געווען ווען ס'פלעגט דורכמארשירן אן ארמיי פון א גרעסערע מלוכה, וועלכע פלעגט זיך דורכן טאָל רייסן צום עבר הירדן און ווייטער מזרח־צו, אָדער צום ברעג פון ים און פון דאָרטן ווייטער צום מערב. די דאָזיקע פרעמדע ארמייען האָבן געמוזט געשפייזט ווערן, און דאָס וואָס מען האָט מיטן פרייען ווילן ניט געגעבן, האָבן זיי פשוט אוועקגערויבט.

דאָך האָבן די דאָרטיקע איינוואוינער אלץ איבערגעליטן, און ענערגיש אָנגעגאנגען מיט זייער ארבעט אויפן פעלד. זיי זיינען געווען צו שטארק צוגעבונדן צו זייער באָדן, און האָבן אים בשום אופן ניט געוואָלט פארלאָזן. בלויז אמאָל ווען די סכנה איז געווען אומגעהויער גרויס, און דער קול פונם שופר האָט אויפגעציטערט די איינוואוינער, זיינען זיי אנטלאָפן אין די מער באפעסטיקטע שטעדט.

אין איינער פון אזא גרויסער סכנה איז מיכה דער מורשתי געקומען קיין ירושלים. סנחריב, דער מלך פון אשור, האָט זיך געריסן אהין מיט א גרויסער ארמיי חרוב מאכנדיק הינטער זיך יעדע שטאָדט און דאָרף, מענש און להבדיל בהמה. ווי א ווילדער שטורם האָט ער פארפלייצט דעם טאָל און ברעג פון ים, קומנדיק נענטער און נענטער צו די בערג פון ירושלים.

אָבער ניט בלויז צו געפינען שוץ און זיכערקייט איז מיכה געקומען אין ירושלים, נאָר מיטן פעסטן גלויבן דאָרטן, אינם הויפט צענטער פון יהודה, צו געפינען דעם גייסטיקן באזיס פאר זיין האָפענונג אָפּצוראטעווען פאָלק און לאנד. אויך ער האָט זיך פארנומען מיט דעם זין און תכלית פון אונזער לעבן און אויך ביי אים איז דער לייט־מאָטיוו געווען די געטלעכקייט, דער שורש און מקור פון אלץ און אלעמען.

מיכה איז אָבער גאָר גיך אנטוישט געוואָרן. אין ירושלים האָט ער געפונען פארדאָרבנקייט און אומגערעכטיגקייט ,און זיין אידעלער גייסט האָט אין אים רעוואָלטירט.

דער גייסט פון עמוס דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן קעמפער און דיכטער האָט אין אים אויפגעלעבט, ווייל אויך ער האָט מיט זיך

מיטגעבראכט דעם שטארקן כח פון דעם נאטירלעכן דאָרפישן לעבן און מיט דעם דאָזיקן כח האָט ער אויפגענומען דעם קאמף קעגן דער שטאָדט און איר צעלאָזנקייט.

און פּונקט ווי עמוס אמאָל, איז מיכה איצטער געוואָרן דער אומ־קאָמפּראָמיסלעכער שטראָפער און ריכטער. אים גייט ניט אָן די פּאָלי־טישע לאגע, און אים קימערט ניט ווער עס איז דער פיינט,אשור אָדער אן אנדערער ; אים אינטערעסירט אויך ניט ווער מיט וועמען עס זאָל מאכן א פּאָליטישן בונד, מצרים אָדער אן אנדערער ; ער דערזעט פאר זיך בלויז איין איינציקע זאך : די זינדיגקייט פון זיינע אייגענע ברידער, וואָס ווארפט זיי צו די פיס פון א טיפן אָפּגרונט.

צוזעענדיק ווי דער איד פארלאָזט דעם גרויסן תורה־ליכט און אסי־מילירט זיך מיט דער פּאגאניסטישער קולטור פון די שכנות'דיקע פעלקער ; צוזעענדיק די צוריסנקייט צווישן די אידישע מלוכות און די עקספּלאָ־דירנדיקע איבערמאכט פון רייכן און בעאמטן, וועלכע פארדעקן זייערע הימל שרייענדיקע זינד מיט קרבנות און נדבות צום בית המקדש ; דער־זעענדיק די באשטרעבונג פון דער אידישער אריסטאָקראטיע צו פאר־טונקלען דעם עטישן באגריף און אינהאלט פון דער לאנג פארצווייגטער אידישער קולטור ; מערקנדיק די אויסגעליידיגקייט פונם אידישן גייסט און פולשטענדיקן חורבן פונם אידישן רחמנות־געפיל ; זייענדיק איבער־צייגט אין דער סכנה פון דער אידישער עקזיסטענץ און אידייאישער דער־האלטונג : — האָט מיכה דערפילט אין זיך דעם געטלעכן רוף צו גיין אין שליחות צו זיין פאָלק.

מיכה'ס אופן פון אויפפאסונג איז געווען א דירעקטער און פּשוטער. דער שטענדיקער קאנטאקט מיט דער נאטור, האָט אים אויסגעלערנט צו דענקען און אויפפאסן זאכן אָן פּשט'לעך און פילאזאָפישע דריידלעך. ער זוכט בלויז צו באגרייפן די סיבה און ווירקונג, און אָט מיט דער דאָזיקער פּשוטער שכל'דיגקייט דערזעט ער אז יהודה'ן שטייט פאָר א קאטאסטרא־פאלע געפאר, און די סיבה דערפון איז דער אומ'יושר'דיקער לעבן און די גרויזאמע אונטערדריקונג פון די אָרימע פאָלקס־מאסן. מיט א קלאָרער וויזיע דערזעט ער די קאנסעקווענצן פון דער עקזיסטירנדיקער פארברע־כערישקייט וואָס איז אונטער דעם שוץ פון קעניגלעכן הויף און דעם בית המקדש. אויב ער האָט שוין יאָ אמאָל באגריפן די רעגירונגס פּאָ־ליטיק, האָט ער עס אויך אטריבוטירט צו דער איין און איינציקער סיבה

— די איינגנוציגקייט, דעם נארישן שטאָלץ און די באשטרעבונג צו דער־ווערבן ,רייכטימער אויפ'ן אנדערן'ס חשבון.

פונקט ווי עמוס אמאָל, איז מיכה איצטער געוואָרן דער פארטיי־דיקער פון די ברייטע פאָלקסמאַסן, און פונקט ווי עמוס איז אויך ער געווען אומדערשראָקן, געוואגט און איבערצייגט. איינער אליין האָט ער זיך געשטעלט פנים אל פנים קעגן די פרינצן, הויפּלייט, קעניגלעכע כהנים און נביאים. שטעלנדיק זיך אויף דער דאָזיקער איבערצייגונג, האָט ער אין געצייילטע זאצן, פול מיט קנאי'דיקן פייער און פאראכטונג, זיי געשטראָפט און אָנגעוויזן אויף די אומפארמיידלעכע קאנסעקווענצן.

אודאי איז ער געווען אומבאליבט און ניט פאפולער, אָבער אינם ליכט פון דער געשיכטע טיילט ער די אָנגעזעענקייט און גרויסקייט פון זיין צייטגענאסע ישעיהו ווי איינער פון די גרעסטע פארקעמפער פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

מיכה'ס רעדעס הויבן זיך אָן מיט אן אלגעמיינער באשולדיגונג קעגן ביידע אידישע מלוכות, יהודה און ישראל. יהוה דער מאָנער און ריכטער, נידערט אראָפּ פון הימל אויסצופירן זיין גערעכטן משפט איבער די ביידע מלוכות. דעם נביא'ס הויפּט אינטערעס ליגט אין יהודה, אָבער אלס שטארקע ווארנונג שטעלט ער אוועק דעם גורל פון ישראל. ישראל איז שוין פאקטיש געלעגן א חרוב'דיקע, די גרויסע מערהייט פון די צען שבטים זיינען שוין געווען פארטריבן פון לאנד, און בלויז שומרון, די הויפּטשטאָדט, איז נאָך געווען פארבליבן. שפּעטער האָט שומרון זיך באטייליקט אין אן אויפשטאנד קעגן אשור, און איז פולשטענדיק פאר־ניכטעט געוואָרן. דער נביא אין זיין גרויסער וויזיע דערזעט אָבער שוין איצטער איר אָנקומענדיקן סוף:

„הערט איר פעלקער,\
פארנעם דו ערד.

זע, גאָט גייט ארויס פון זיין אָרט,\
און וועט נידערן אויף די הויכן פון דער ערד.

און די בערג וועלן צוגיין אונטער אים,\
און די טאָלן וועלן זיך שפּאלטן

ווי וואקס פאר פייער,
ווי וואסער אין א טאָל.

איבער דעם פארברעכן פון יעקב איז עס אזוי,
און איבער די זינד פון דעם בית ישראל.
ווער איז דער פארברעכער פון יעקב
אויב ניט שומרון ?
און ווער זיינען די במות פון יהודה
אויב ניט ירושלים ?

דערפאר וועל איך מאכן שומרון פאר א הויפן ערד,
און וועל שליידערן צום טאָל אירע שטיינער.

אלע אירע געשניצטע געטשקעס
וועלן צוהאקט ווערן,
און אירע זונה־הייזער
וועלן פארברענט ווערן".
(קאפיטל 1 פסוק 1—8).

דער נביא זעט דעם טרויריקן סוף אירן, ער ווייסט אויך אז זי
האָט עס כשר פארדינט און מוז לידן פאר אירע זינד, אָבער זיין אידיש
הארץ וויינט אין אים און גייט אויס פון צער:

„דארויף וועל איך קלאָגן און יאָמערן,
וועל אומגיין באָרוועס און נאקעט,
וועל מאכן א קלאָג ווי די שאקאלן,
און א טרויער ווי שטרויספויגלען.

ווארום שווער זיינען אירע קלעפּ,
ווארום עס איז געקומען ביז יהודה,
און גרייכט ביזן טויער פון מיין פאָלק,
ביזן טויער פון ירושלים".

(קאפיטל 1 פסוק 8—9).

דערוואַרטנדיק דעם באַלדיקן חורבן אויך פון זיין באַליבטן היימ־לאַנד, נעמט ער אויף זיך די ראָל פון אַ געדונגענער באַוויינערין און דערביי ווערן זיינע ווערטער דערהויבן צו דער מאָס פון ירמיהו׳ס און איכה־ליד.

אין זיין אימאַגינאַרן געדאַנק האָבן אפילו די נעמען פון זיינע באַליבטע שטעדט און שטעדטלעך אַ סימבאָלישע באַדייטונג — אַלע ווייזן זיי אָן אויפן חורבן וואָס קומט אויף זיי :

„ניט דערציילן זאָלט איר אין גת,
אויך זאָלט איר ניט וויינען,
אין בית לעפרה זאָלט איר זיך קייקלען.

גיי דיר אַוועק, באַוואוינערין פון שפיר,
נאַקעט צו שאַנד ;
ניט אַרויסגיין וואַגט די וואוינערן פון צאָנן,
אַ קלאָג איז אין בית־אצל ;
ס׳באַרויבט אייך פון באַשטאַנד.

געגאַרט נאָך גוטס האָט די באַוואוינערן פון מרות,
אָבער געגנידערט האָט דער כעס פון גאָט
ביז צו די טויערן פון ירושלים.

שפּאַן דעם רייטוואָגן צו די לויף־פערד,
באַוואוינערן פון לכיש ;
זי איז געווען דער אָנהויב זינד
פאַר דער טאָכטער ציון ;
ביי דיר זיינען געפונען געוואָרען
די פאַרברעכער פון ישראל".

(קאַפּיטעל איינס פסוק 10—13).

אַ סך פון די נעמען וואָס דער נביא רעכנט אויס, זיינען ניט דער־קענט געוואָרען. פון דעם אָבער וואָס מען ווייסט יאָ, זעט מען אַז דער נביא האָט אָנגעהויבן מיט די סאַמע ווייטסטע ווינקעלעך פון יהודה און אין זיין

אימאגינאציע אוועקגענאנגען אזש ביזן מזרח אויף דער שטרעקע פון די ארץ ישראל׳דיקע וועגן, וואס אן אשורישע ארמיי וואָלט, נאַטירלעך, נאָכגעפאָלגט אין איר מאַרשרוט אויף ירושלים.

דער נביא פאַרגעסט אויך ניט די ברייטע מאסן און שטראָפט זיי דערפאַר וואס זיי זיינען פאַרבליבן גלייכגילטיק צו די רייד פון גאָט׳ס נביאים:

„ווי צו די וואָס טראַכטן אומרעכט,
און אַרבעטן אויס שלעכטס אויף זייערע געלעגערס.
אין ליכט פון פרימאָרגן פירן זיי עס אויס,
ווייל עס איז אין דער מאַכט פון זייער האַנט.

זיי גלוסטן פעלדער און גזלענען,
און הייזער נעמען זיי צו;
און באַרויבן אַ מאַן מיט זיין הויז,
אַ מענטשן מיט זיין נחלה.

דערפאַר האָט גאָט געזאָגט:
איך טראַכט אויף דער דאָזיקער משפחה שלעכטס,
וואָס איר וועט ניט קענען אוועקנעמען;
איר וועט מער ניט גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ,
וואָרום אַ בייזע צייט קומט אויף אייך“.

(קאַפּיטעל 2 פּסוק 1—3).

און באַלד האָט דער נביא חרטה. ניט צום פּשוט׳ן פאָלק האָט ער זיינע טענות, נאָר צו די פירער. זיי פאַרבלענדן עס די אויגן פון פאָלק, און שינדן פון זיי ס׳לייב. מער ווי אויף אַלעמען צאַרנט דער נביא אויף די פאַלשע נביאים, וועלכע נאַרן און פאַרפירן דעם פאָלק:

„הערט אָקאָרשט איר קעפּ פון יעקב,
און פירער פון הויז פון ישראל.
איז ניט אייער חוב צו וויסן גערעכטיגקייט?
איר וואָס האָט פיינט גוטס און האָט ליב שלעכטס,

וואָס רויבט פון זיי די הויט
און דאָס פלייש פון די ביינער.

די וואס האָבן געגעסן ס'פלייש פון מיין פאָלק,
און די הויט פון זיי אפגעשינדן,
זייערע ביינער צובראָכן און צוהאקט
ווי אין א טאָפּ, ווי פלייש אין א קעסל.

דערפאר וועלן זיי שרייען צו גאָט
און ער וועט זיי ניט ענטפערן;
ער וועט פארבאהאלטן זיין פנים
און זיין שלעכט ווי זיי זיינען געוועז.

אזוי האָט גאָט געזאָגט וועגן די נביאים
וואָס פארפירן מיין פאָלק,
וואָס שרייען שלום, ווען זייערע ציין בייסן.

דערפאר וועט אייך זיין נאכט אָן א זעאונג,
און אונטערגיין וועט די זון אויף די נביאים,
און שווארץ וועט ווערן דער טאָג פאר זיי.

מען בויט ציון מיט בלוט,
און ירושלים מיט אומרעכט.

אירע קעפּ משפּט'ן דורך כאבאר,
איהרע כהנים לערנען פאר געצאָלט".

(קאפּיטל 3 פּסוק 1—11).

מיכה איז אין זיין באשולדיגונג געווען א סך שארפער ווי די פריערדיקע נביאים, און אָפט נאָך ביטערער ווי ישעיהו. די וועלט-ליטעראטור פארמאָגט ניט קיין שארפערן באשולדיגונגס-אקט ווי דער וואָס מיכה האָט געמאכט קעגן די ציווילע און רעליגיעזע פירער פון זיין פאָלק. זייענדיק אליין איינער פון די ברייטע מאסן, האָט ער אמקלאָרסטן דערזען

צו וואָס די אומגערעכטיגקייט מוז דערפירן. קאַניבאַלן האָט ער זיי אָנגערופן, און האָט דעם דאָזיקן פיגוראַטיווען אויסדרוק אַנטוויקלט מיט א רעאַליזם וואָס רופט ארויס אכטונג און יראת הכבוד. אָן מורא האָט ער אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון פאַלשן, היפּאָקריטישן גלויבן אין וועמענס נאָמען זיי האָבן געזוכט צו באַהאַלטן זייערע שלעכטע מעשים.

אין זייער פאַטאַלן דרך פון אייגענעם פאַרראַט, זיינען די פירער פון יהודה דערמוטיקט געוואָרן דורך די פאַלשע נביאים. אונטער דער אינספּיראַציע פון גוטער געלד־באַלוינונג האָבן די דאָזיקע געפּרעדיקט, אַז גאָט איז תמיד מיט די פירער און ס'וועט זיי קיין שלעכטס ניט באַפאַלן. מיט פיינעם סאַרקאַזם האָט מיכה אָנגעוויזן ווי די דאָזיקע דעגענאַרירטע נביאים ווען פאַר א זעקל געלד פאַראויסזאָגן אומבאַגרענעצטער שפע און שטענדיקן שלום און שיטן אויף אים, דעם אמת'ן נביא פון גאָט, קללות בלויז דערפאַר וואָס ער אַנטזאָגט זיך אָנצונעמען די טייערע מתנות פון די רייכע און פּרינצן.

אין קאָנטראַסט צו זייערע פאַלשע נביאים, האָט ער דערקלערט אַז דער אמתער נביא זוכט בלויז גערעכטיגקייט און ניט מתנות.

„די פאַלשע זעער וועלן זיין צו שאַנד,
און די וואַרזאָגער וועלן זיך שעמען,
זיי וועלן פאַרדעקן די אויבערשטע ליפּ,
ווייל קיין ענטפער פון גאָט וועט ניט זיין.

אָבער איך בין פול מיט כח
דורך דעם גייסט פון גאָט,
און מיט גערעכטיגקייט און גבורה
צו זאָגן יעקב'ן זיינע זינד
און ישראל'ן זיינע פאַרברעכנס".
(קאַפּיטל 3 פּסוק 7—8).

דער כאַראַקטער פון זיינע באַשולדיגונגען, און דער שפּעטערדיקער גאַנג פון יהודה'ס געשיכטע האָבן פולשטענדיק באַוויזן די קלאָרקייט פונם נביא'ס בליק. מיכה האָט פאַראויסגעזאָגט דעם פולשטענדיקן

חורבן פון ירושלים, און געגאנגען א סך ווייטער פון ישעיהו'ן און נביאות געזאָגט אז גאָט וועט אפילו ירושלים ניט אָפּראטעווען.

„דערפאר וועט ציון צואקערט ווערן ווי א פעלד,
און ירושלים וועט ווערן א הויפן זאמד,
און דער בארג פון גאָט'ס הויז — א וואלד".
(קאפיטל 3 פסוק 12).

אודאי האָט ער אויך געגלויבט אין ישעיהו'ס אידייע פון אן איבערבלייב און א צוקינפטיקע יושר'דיקע געזעלשאפט, אָבער דאָס דאָזיקע וועט ניט אָפּהאלטן דעם גערעכטן משפט.

„און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער בארג פון גאָט'ס הויז,
אויבנאָן איבער אלע בערג,
און דערהויבן איבער אלע הויכן.

און פילע פעלקער וועלן גיין און זאָגן:
קומט לאָמיר ארויפגיין צום בארג פון יהוה,
און צום הויז פון גאָט פון יעקב,
און ער וועט אונז לערנען זיינע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן,
ווארום פון ציון וועט ארויסגיין תורה,
און גאָט'ס וואָרט פון ירושלים.

און ער וועט משפט'ן צווישן די אומות,
און אנטשיידן איבער מעכטיקע פעלקער,
און זיי וועלן איבערשמידן
זייערע שווערדן אויף אקעראייזנס,
און זייערע שפיזן אויף צווייגמעסערס;
א פאָלק קעגן א פאָלק וועט ניט הויבן דעם שווערד,
און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה.

און זיי וועלן זיצן יעדער באזונדער
אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים,

און קיינער וועט זיך מער ניט שרעקן,
ווארום דער גאָט פון צבאות האָט גערעדט.

ווארום אלע פעלקער מעגן גיין
איטלעכער אין נאָמען פון זיין גאָט,
אָבער מיר וועלן גיין אין נאָמען פון יהוה,
אונזער גאָט אויף שטענדיק און אייביק.

אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועל איך איינזאמלען די הינקנדיקע,
און צונויפקלייבן די פארשטויסענע,
און די וועמען איך האָב שלעכטס געטאָן.
און איך וועל מאכן די הינקנדיקע פאר מיין איבערבלייב,
און די פארטריבענע פאר א מעכטיק פאָלק,
און גאָט וועט קיניגן אויפן בארג ציון
פון איצטער ביז אייביק.

און איצטער, וואָס שרייסטו מיט געוואלדן,
וואָס קיין מלך איז אין דיר ניטאָ,
און דיין בעל יועץ איז אונטערגעגאנגען,
און ווייעניש האָט דיך אָנגענומען ווי א געווינערן ?

דריי זיך און האָב ווייען, טאָכטער פון ציון,
אזוי ווי א געווינערין,
ווארום איצטער וועסטו ארויסגיין פון שטאָדט,
און וועסט וואוינען אין פעלד,
און וועסט קומען קיין בבל ;
דאָרטן ערשט וועסטו ניצול ווערן,
דאָרטן וועט דיר גאָט אויסלייזן
פון דער האנט פון דיינע פיינט".

(קאפיטל 4 פסוק 1—10).

דאָס לאַנד פון יהודה איז חרוב געוואָרן, אָבער דער בית המקדש און די שטאָדט ירושלים זיינען פארבליבן לעבן לאַנג דערנאָך ווי די נביאים ישעיהו און מיכה זיינען געגאַנגען פון דער וועלט. זייערע רייד זיינען אָבער ניט געבליבן אָן ווירקונג. חזקיהו, דער מלך פון יהודה, האָט זיך באמת צוגעהערט צו זייערע רייד און א סך געענדערט די אומשטענדן אויף וועלכע מיכה'ס נקמה איז באזירט געוואָרן. אזוי ארום האָט יהודה אָפּגעשטופּט דעם פולשטענדיקן חורבן אויף העבער הונדערט יאָר שפּעטער.

סנחריב'ס באטאַליאָנען, וואָס זיינען טריאומפירנדיק דורכגעגאַנגען גאַנץ קליין־אזיע, „דערנידריקט די מעכטיקע בירגער און צורויבט זייער צוקונפט", און אָפּגעשאפט די גרענעצן צווישן די קליינע לענדער, האָבן דעם קראַנקן חזקיהו אנטוישט אין דער גבורה פון זיין חייל. ער האָט דאריבער זיך מיט מער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו די רייד פון די נביאים און געמאַכט נאָך א סך רעפאָרמען אינם גייסט פון דער תורה.

חזקיהו איז אפילו געוואָרן איבערצייגט, אז די אקופּאציע פון ירושלים וועט ניט פאָרקומען. ער האָט קלאָר געזען די קאנפליקטן וואָס האָבן זיך צושפּילט אין דער אשורישער הויפּטשטאָדט נינוה, ער האָט אויך געזען די גרויסע מגפה וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דעם אשורישן מיליטער, אָבער מיכה האָט פאַר אים קלאָר געמאַכט אז דער אָפּשטעל פון דער אקופּאציע איז א ריין צופעליקער און האָט בלויז אָפּגעשטופּט די צייט. דער גורל פון ירושלים איז א זיכערער, ווייל די סיבות און אורזאכן זיינען נאָך אלץ עקזיסטירנדיק. אויב ירושלים וועט ניט פאלן דורך דער האַנט פון אשור, וועט זי אונטערגיין דורך דער האַנט פונם אויפשטייגנדיקן בבל.

„הערט אקאָרשט וואָס גאָט זאָגט :
שטיי אויף, טענה פאַר די בערג,
און זאָלן זיי הערן דיין שטים.

הערט צו, איר בערג, דעם קריג פון גאָט,
ווארום גאָט האָט א קריג מיט זיין פאָלק,
און מיט ישראל וועט ער א ויכוח האָבן :

מיין פאָלק וואָס האָב איך דיר געטאָן ?
און מיט וואָס האָב איך דיך מיד געמאכט ?
זאָג עדות אנטקעגן מיר.

איך האָב דיך אויפגעבראכט פון מצרים,
און פון קנעכטשאפט דיך אויסגעלייזט ;
און דיר פאראויסגעשיקט משה'ן, אהרן'ען און מרים".
(קאפיטל 6 פסוק 1—4).

דער נביא איבערצייגט אים איצטער, אז דער יסוד פון אידישן קיום איז ניט רייכקייט און פאָליטישע מאכט, ניט אסימילאציע און פאָליטישע צונויפשמעלצונג, נאָר דער פעסטער אָנהאלט אָן דער געטלעכער קולטור און תורה־ציוויליזאציע. בלויז דאמאָלט קאָן דער איד האָפן אויף חסד און אויסדערוויילטקייט, בלויז דאמאָלט קאָן דער איד האָפן אויף גערעכטיגקייט און יושר.

„מיין פאָלק דערמאָן זיך נאָר
וואָס בלק מלך מואב האָט גע'עצה'ט,
און וואָס בלעם בן בעור האָט געענטפערט,
און וואָס איך האָב פאר דיר געטאָן פון שטים ביז גלגל,
כדי מען זאָל וויסן די גערעכטיגקייט פון גאָט".

אויך בלעם האָט אמאָל געזוכט אריינצוברענגען די אסימילאציע אינם אידישן לאגער און געבראכט די טעכטער פון מואב קיין שטים צו פארפירן די אידישע מענער, וועלכע האָבן טאקע באלד דערנאָך אָנגעהויבן דינען צום בעל פעור. און מיט וואָס א שטייגער איז דען דער איצטיקער קרבנות־קולט אנדערש פון יענעם געצנדינסט ?

„מיט וואָס זאָל איך קומען פאר גאָט,
זיך בויגן פאר יהוה'ן אין דער הויך ?
זאָל איך קומען מיט בראנדאָפּער,
אָדער צענטוויזנטער טייכן מיט אויל ?"

וועט דען גאָט באוויליקן טויזנטער ווידערס
אָדער צענטוויזנטער טייכן מיט אויל ?

און אַט דאָ ווארפט דער נביא א שטראַלנדיק ליכט איבער דעם מהות פון אידישקייט:

מ׳האָט דיר אָנגעזאָגט, מענש, וואָס איז גוט,
און וואָס גאָט פארלאנגט פון דיר:
בלויז טאָן גערעכטיגקייט,
בלויז ליב האָבן גוטסקייט,
און אומגיין שטיל פאר דיין גאָט״.
(קאפיטל 6 פסוק 5—8).

דער נביא גייט ווייטער אָן מיט זיין לאָגישער ארגומענטאציע, זוכנדיק אויף יעדן אופן צו בעאיינפלוסן דעם קעניג און זיינע פירער אָפצושאפן די שרייענדיקע אומגערעכטיגקייטן קעגן די אָרימע מאסן און צו פארניכטן דעם געצנדינסט אין יהודה.

„קאָן איך דען פארגעסן דאָס הויז פונם אומגערעכטן,
די אוצרות פון אומרעכט און די פארשאָלטענע
פאלשע מאָס?
קאָן איך ריין מאכן פאר אומגערעכטע וואָגשאָלן,
און פאר א בייטל מיט פאלשע וואָגשטיינער?

אירע רייכע ליים זיינען פול מיט רויב,
און אירע באוואוינער ריידן פאלש,
זייער צונג איז באטרוג און ליגן.

און אַט דערפאר האָב איך דיך געשלאָגן,
דיך פארוויסט פאר דיינע זינד.

דו וועסט עסן און ניט זאט ווערן,
דיין הונגער וועט זיין אין דיין אינגעווייד;
וועסט טראָגנדיק ווערן און ניט געווינען,
און וואָס דו וועסט געווינען וועל איך דעם שווערד
איבערגעבן.

דו וועסט זייען און ניט שניידן,
וועסט טרעטן איילבירטן,
און זיך ניט זאלבן מיט אויל,
וועסט האָבן טרויבנזאפט,
און ניט טרינקן קיין וויין.

ווייל אָפּגעהיט ווערן די זיטן פון עמרי,
און גאָר די מעשים רעים פון אהאב'ס הויז
אין וועמעס דרכים איר זענט געגאנגען.

דערפאר וועל איך דיך מאכן צו שאנד,
און די שאנד פון מיין פאָלק וועסטו טראָגן" . . .
(קאפיטל 6 פסוק 10—16).

און גרוים דארף זיין די רעפאָרמאציע, ראדיקאל מוז דער לעבן געענדערט ווערן, ווייל

„אונטערגעגאנגען איז דער פרומער אין לאנד,
און קיין רעכטפארטיקער איז מער ניטאָ;
אלע לויערן זיי אויף דעם אנדערנ'ס בלוט,
איינער דעם אנדערן פאנגען זיי אין נעץ.

אויף שלעכטס טאָן זיינען די הענט וואָס דארפן גוטס טאָן,
דער שררה פארלאנגט, און דער ריכטער איז פאר
באצאָלט,
און דער גרויסער מאן, ער רעדט דעם ווילן פון זיין זעל.

דער בעסטער פון זיי איז ווי א דארן,
דער רעכטפארטיקער ערגער פון א שטעכיקן צוים".
(קאפיטל 7, פסוק 2—4).

מיכה איז טאקע געווען דער שארפער שטראפער, וואָס האָט געמאָלן טרויריקע שרעקנס־בילדער פאר דער אידישער צוקונפט, און

דאָך האָט ער נעגלויבט אין דער אייביגקייט פונם אידישן פאָלק, דעם עם סגולה מכל העמים.

ס'איז דער זעלבער רעיון ווי ביי ישעיהו הנביא: גאָט איז אייביק, מוז אויך דער איד זיין אייביק. גאָט האָט געמאכט א ברית עולם מיט אברהם, יצחק און יעקב, און קיינער קאָן דעם דאָזיקן ברית נית צושטערן.

אודאי וועט דער איד פריער דורכגיין אלע פורעניות אוןליידן, וועט ווערן געפייניקט און געקאטעוועט, פארשקלאפט און אונטערדריקט, וועט דורכמאכן אלערליי קריזיסן און סכנות, נסיונות און געפאַרן, אָבער ער וועט פון דעם אלעמען ארויסקומען א זיגער, א געלייטערטער און גערייניקטער, א געשטארקטער און געקרעפטיקטער — די אידישע גליקלעכע צוקונפט וועט זיך ארייַנלעבן אין דער סאמער ווייטער אייביגקייט אריין.

„נית פרייען זאָלסטו זיך, מיין פיינט!
אז איך בין געפאלן, וועל איך אויפשטיין;
אז איך זיץ אין פינסטערניש,
איז גאָט מיר א ליכט.

דעם צאָרן פון גאָט וועל איך טראָגן,
ווייל איך האָב קעגן אים געזינדיקט:
ביז ער וועט קריגן מיין קריג,
און וועט טאָן מיין רעכט;
ער וועט מיך ארויספירן אין ליכטיגקייט,
און איך וועל דערזען זיין גערעכטיגקייט.

און מיין פיינט וועט זען,
און א בושה וועט אים באדעקן,
אים וואָס זאָגט צו מיר:
וואו איז ער, יהוה דיין גאָט?
פעלקער וועלן זען און זיך שעמען מיט זייער גבורה,
זיי וועלן ארויפטאָן די האנט אויפן מויל,
און זייערע אויערן וועלן טויב ווערן.

זיי וועלן לעקן דעם שטויב ווי א שלאנג,
ווי די וואָס קריכן אויף דער ערד;
זיי וועלן ציטערן אין זייערע פעסטונגען;
צו יהוה אונזער גאָט וועלן זיי אנגסטן,
און וועלן מורא האָבן פאר דיר גאָט״.
(קאפיטל 7 פסוק 16—17).

אויך מיכה פארענדיקט זיין נבואה מיט דעם רעיון פון אן איבערבלייב. פונקט ווי ישעיהו גלויבט ער אין דער גאולה וואָס וועט קומען צו דעם שאירית יעקב, דעם איבערבלייב, וואָס וועט זיך רייניקן פון די זינד און זיך באהעפטן מיט די אידישע אידייען:

„ווער איז א גאָט ווי דו,
וואָס פארגיט די זינד
און גייט פארביי דעם פארברעך
פון דעם איבערבלייב פון זיין פאָלק?
ער האלט ניט אויף אייביק זיין צאָרן,
ווארום ער האָט ליב חסד.

ער וועט זיך אויף אונז דערבארעמען,
און וועט פארדעקן אלע אונזערע זינד;
און וועסט ארייננווארפן אין די טיפענישן פון ים
אלע זייערע חטאים.
וועסט ווייזן טריישאפט צו יעקב׳ן,
חסד צו אברהם׳ן,
ווי דו האָסט געשוואָרן אונזערע עלטערן
אין די טעג פון פארצייטן״.
(קאפיטל 7 פסוק 18—20).

צפניה, נחום און חבקוק

כל זמן חזקיהו האָט נאָך געלעבט, איז די הפקרות אין יהודה נאָך געווען אן איינגעהאלטענע. חזקיהו האָט ניט אין אלעמען מצליח געווען, אָבער זיינע כונות זיינען, קאָנטיק, געווען גוטע. ער האָט באמת געמיינט איינצופירן גערעכטיגקייט אין לאנד און אָפּצוהיטן דעם מאָראַליש־עטישן געבאָט פון דער תורה, אָבער צופיל איז יהודה שוין געווען פאַר־זונקען אין אירע מיאוסע דרכים.

גאָר גרויסע ענדערונגען זיינען אָבער פאָרגעקומען גלייך נאכדעם ווי חזקיהו איז געשטאָרבן. די אינוויינעסטע צופאַלונג איז איצטער אָנ־געגאנגען מיט א סך שנעלערן טעמפּאָ, די הויף־פּאַרטיי מיטן יונגן קעניג מנשה האָט זיך איצטער א וואָרף געטאָן אויף די אָנהענגער פון די נביאים, און איינגעפירט א גרויזאַמען פּאָליטישן טעראָר, ווי אמאָל אין דער מלוכה־צייט פון אחאב אין ישראל. יעדער סימן פון אידישקייט איז איצטער אָפּגעמעקט געוואָרן, און אפילו אין בית המקדש האָט מען מקריב געווען קרבנות צו אלערליי געצנדינערישע אָפּגעטער. א שרעקלעכע רעאקציע האָט גענומען בושעווען איבערן לאנד, און האָט חרוב געמאכט אלץ וואָס חזקיהו האָט מיט דער הילף פון די נביאים געהאט איינגעפירט.

די סיבות וואָס האָבן געפירט צו דער דאָזיקער רעאקציע, זיינען ניט גענוי באוואוסט אָבער מען קאָן זיי דערגיין פון די געשיכטלעכע פּאַ־סירונגען אין יענער צייט. מנשה איז געווען בלויז צוועלף יאָר אלט ווען ער האָט באשטיגן דעם כסא מלוכה, און כאָטש ער האָט געקיניגט פינף און פופציק יאָר איז ער אָבער אויפגעוואקסן געוואָרן אונטער דעם שעדלעכן איינפלוס פון די הויף־לייט און די כנענישע פרויען וואָס האָבן אָנ־געפילט די רייכע און פירשטלעכע הארעמס.

ס'איז געווען דער דאָזיקער קלאס אין יהודה קעגן וועמען ישעיהו האָט אזוי ביטער געקעמפט, און ס'איז דאריבער גאנץ נאטירלעך אז דער דאָזיקער קלאס האָט איצטער געזוכט נקמה. די פרויען אין יענער צייט זיינען געווען שטארק אבערגלויביש און געפּראקטיצירט יעדן זאָרט געצנ־דינסט, זנאכערייי און כשוף, וואָס די כנענישע פרויען האָבן אהינגע־

בראכט. ישעיהו און חזקיהו האָבן עס געהאט אונטערגעבראכט, האָט עס איצטער מנשה ווידעראויפגעלעבט.

אפשר האָט דאָ אויך געווירקט די פּאָליטישע לאגע אין לאנד. אין יהודה האָט איצטער געהערשט שלום. אשור האָט זיך באנוגנט מיט די גרויסע צינזן און אונטערטעניגקייט, אָבער פונדערווייטנס געהאלטן א שארף אויג און געהיטן יעדן ריר פון זיין קרבן. אין יהודה איז אויך פארבליבן א שטענדיקע אשורישע ארמיי אכטונג צו געבן מ'זאָל ניט רעוואָלטירען אָדער מאכן פארבינדונגען מיט אנדערע אונטערדריקטע לענדער. כדי ניט צו דערוועקן דעם אומצוטרוי פון די אקופאנטן, האָבן זיי אריינגעבראכט אהין דעם פרעמדן גייסט און לעבנסשטייגער צוזאמען מיט זייער גאנצער גרויזאמקייט און געצנדינסט. אויב די אונטערטעניג־קייט צו אשור איז פריער געווען אן ארויפגעצוואונגענע, איז זי איצטער געוואָרן א פרייוויליקע און צופרידנשטעליקע.

און דאָס פאָלק, די ברייטע מאסן, די וואָס האָבן תמיד געליטן פון אזא פירונג ? — א סך זיינען געוואָרן גלייכגילטיק אָדער אריינגעפאלן אין סקעפּטיציזם: „גאָט קאָן אונז מער ניט, און וויל מערער קיין רחמנות האָבן"; אנדערע ווידער האָבן נאָכגעטאָן די פירער און רייכע, און ביי זיך געטראכט אויב אשור איז אזוי זיגרייך, איז א סימן אז די געטער פון אשור זיינען א סך שטארקער ווי דער גאָט יהוה פון די אידן. גאנץ אָפט האָבן מענשן אין יענע אלטע צייטן געמשפט דעם גאָט וועדליק די שטארקייט זיינע, און די אידן זיינען, קאָנטיק, דערפון ניט אָפּגעשטאַנען. דער געצנדינסט איז דאמאָלט געוואָרן אזוי פאפולער, אז מען האָט אין בית המקדש אריינגעשטעלט דעם עשתרות, דעם גאָט פון זנות, און מנשה, דער מלך פון יהודה, האָט אפילו געפירט זיין איינ־ציקן זון מולך.

אמת, ניט דאָס גאנצע פאָלק איז געוואָרן אזוי פארדאָרבן. ס'האָבן זיך נאָך אלץ געפונען צווישן די פשוטע ארבעטס־מענשן אזעלכע וואָס זיינען טריי געבליבן דער נביאישער אמונה אין וועלכער דער קעמפענדיקער יהוה טרעט ארויס ווי דער מקור פון יעדער גערעכטיגקייט און איז דער פאָטער פון יעדן רעוואָלוציאָנערן געדאנק.

דער נביא ירמיהו רעדט שפעטער וועגן זיי און שילדערט די אכזריות מיט וועלכע די רעגירונגען פון מנשה און זיין זון אמון האָבן די נביאישע נאָכפאָלגער אונטערדריקט.

„דער שווערד האָט געפרעסן נביאים
ווי א פארצונקנדיקער לייב".
(ירמיהו, קאפיטל 2 פסוק 30).

דער שווערד האָט זיי טאקע געפרעסן, אָבער ניט געקאָנט אויפעסן, די רעפאָרם באוועגונג וואָס האָט זיך געהאט אָנגעהויבן אין די טעג פון חזקיהו, האָט דער טעראָר מער ניט געקענט אויסרייסן. די רעאקציאָנערע פאליטיק האָט זיך געהאלטן מיט דער שארף פון שווערד, אָבער אזוי גיך ווי די שווערד איז שוואך געוואָרן האָט די רעפאָרם באַוועגונג אויפדאָסניי אויפגעלעבט. ס'איז געווען גענוג, אז מנשה זאָל שטארבן און זיין זון אמון זאָל פרובירן ווייטער אנגיין מיט זיין טאטנ'ס פאליטיק און פירונגען, אז ס'זאָל אויסברעכן א גרויסער אויפשטאנד אין וועלכן א סך פון די כהנים און נביאים האָבן זיך באטייליקט.

אמון האָט געקיניקט בלויז צוויי יאָר, און אויף זיין אָרט איז באשטימט געוואָרן דער אכט יאָריקער זון יאשיהו, וועלכער איז געווען דער ליבלינג און האָפענונג פון אלע גאָטספורכטיקע מענשן.

לכתחילה האָבן נאָך אלץ געוועלטיקט די הויף־לייט, און די אויסבעסערונג האָט זיך וויניק וואָס אָנגעזען. די אויסבעסערונג איז אָבער געקומען דאמאָלט ווען דער אינגער יאשיהו איז געוואָרן א מאַן פון זעקס און צוואנציק יאָר. קאָנטיק, אז דורך די דאָזיקע יאָרן זיינען די הויפלייט דערווייטערט געוואָרן פון דער מלוכה, און דער אינגער מלך איז דערצויגן געוואָרן דורך די כהנים הרדים און ירא שמים.

אין יענער צייט האָט פאסירט אויך אן אנדער צופאל, אזוינער וואָס האָט אָנגערוקט א נייע שטורם־כוואליע אויפן קליינעם לאנד יהודה. די סקיטען האָבן זיך צושפרייט איבער מערב אזיע און אָנגעוואָרפן אויף אלעמען גרויס שרעק. יהודה האָט זיך איצטער געפונען אין א נייער געפאר, און געלעגן אין די לאפעס פון צוויי רויבערישע מלוכות. פון צפון זייט האָבן זיך אָנגערוקט די סקיטן, און פון דרום זיינען אָנגעקומען די מצרישע חיילות צו פארנעמען די אזיאטישע לענדער וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט פון אשור'ס הענט. די דאָזיקע געפאר האָט אודאי אויך מיטגעהאָלפן אין דער איינפירונג פון רעפאָרמען, און האָט אויך צוריקגעבראכט די נבואה אין יהודה נאָך א שטילשוויגן פון בערך פינף און זיבציק יאָר.

דער ערשטער נביא וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן אין לעבן פון יהודה נאָכן שטילשווייגן פון ישעיהו און מיכה, איז געווען צפניה דער זון פון כושי, וועלכער איז ווערליק דער טראַדיציע געווען אן אור־אייניקל פון מלך חזקיהו, דעם מלך חסד און גאָטספּורכטיקן מענשן.

אויב די טראַדיציע איז גערעכט, האָט צפניה אין זיך איינגעזאַפּט דעם גייסט פון זיין עלטערזיידן און געגלויבט באמונה שלמה אין דער נויטיגקייט פון נייע רעגירונגס פאַרמען. פון זיין נבואה זעט מען טאַקע אז ער איז געווען פון קעניגלעכען אָפּשטאַם, און איז געווען איינער פון קעניג יאשיהו'ס הויפליַיט. ער האָט גוט געוואוסט די ירושלימער גאַסן, געווען גוט באַקאַנט מיט דער פּאָליטיק און געהאַט א פולשטענדיקן באַגריף איבער די פירונגען אין קעניגלעכן הויף.

אין זיין געוואַגטקייט און קנאי'דיגקייט, איז ער געווען א תלמיד פון ישעיהו הנביא. אין זיין נבואה האָט ער כסדר איבערגע'חזר'ט די געדאַנקען פון זיין רבי'ן. ער פאַרמאָגט אָבער זיין אייגענעם כח, און זיינע רייד זיינען פול מיט בילדלעכקייט.

צפניה, פּונקט ווי עמוס און מיכה, איז געווען דער נביא פון דעם רעפאָרם־באַוועגונג. זיינע רייד זיינען וויכטיק און פון גרויסן באַדייט ניט אזוי פיל צוליב זייער אייגנאַרטיגקייט, ווי צוליב זייער הויכער מאַראַל און טיפער ערנסטקייט.

דער נביא הויבט אָן זיינע רייד מיט א בילד פון אונטערגאַנג, וואָס שפּיגלט אָפּ די עקזיסטירנדיקע לאַגע אין דער צייט פון מנשה דעם פריערדיקן קעניג. אין יהודה האָט נאָך אַלץ געהערשט דער כנענ'ישער געצנדינסט פון בעל. אַנדערע זיינען אפילו געווען גענייגט צום אָפּגאָט מולך, וועלכער האָט געפאָדערט קרבנות פון לעבעדיקע נפשות. דער גאָט יהוה איז בלויז נאָמינאַל געדינט געוואָרן, ווייל אפילו דער טרייער יהוה ריטואַל איז געווען א געמיש פון פּאַגאַניזם און ריינעם גאָטדינסט. בלויז אין קעניגלעכן הויף און אין בית המקדש האָט מען זיך געהאַלטן נענטער צו דער תורה משה.

צפניה האָט דעריבער גענומען אויף זיך דעם שווערען אויפגאַב צו דערוועקן דעם געוויסן פון די ברייטע מאַסן, און זיי צוריקברענגען צו דער ריינער אידישקייט. דערמאָנענדיק זיי די פאַרגאַנגענע דערפאַרונג, מאָלט ער אויס א שרעקנס־בילד פון דעם אָנקומענדיקן שונא און זיין פאַרוויסטונג פון ירושלים. ער דערקלערט אז דער יום השם, דער טאָג

פון גאָט, וואָס די אידן האָבן, פונקט ווי אמאָל אין די טעג פון עמוס, נעגלויבט צו זיין א טאָג פון פרייד, וועט גאָר זיין א טאָג פון צאָרן און נקמה:

„פארלענדן וועל איך אלץ
פון דער ערד׳ס פלאך.

איך וועל פארלענדן מענשן און בהמות,
די פויגלען פון הימל און די פיש פון ים.
איך וועל אויסשטרעקן מיין האנט אויף יהודה,
און אויף אלע איינוואוינער פון ירושלים,
איך וועל פארשניידן פון דעם דאָזיקן אָרט
דעם איבערבלייב פון בעל,
זיינע פריסטער און כהנים.

און די וואָס בוקן זיך אויף די דעכער
צו דעם חיל פון הימל,
און די וואָס טרעטן אָפּ פון יהוה,
און פרעגן זיך ניט אויף אים.

נאָענט איז דער טאָג פון גאָט,
ווארום ער האָט צוגעגרייט א שלאכטונג.

און אין יענעם טאָג וועל איך זיך רעכענען
מיט די הארן און מיט די פרינצן,
און מיט די וואָס קליידן זיך אין פרעמדע קליידער.

איך וועל זיך רעכענען אין יענם טאָג
מיט אלע וואָס פילן אָן דאָס הויז
מיט אומרעכט און באטרוג.

און אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועט זיין א געשריי פון דעם פיש-טויער,

און א יללה פון צווייטן שטאָדט-קוואַרטאַל,
און א גרויסער בראַך פון די בערג.
איך וועל דורכזוכן ירושלים מיט ליכט,
און וועל זיך רעכענען מיט יענע לייט,
וואָס זאָגן אין זייער הארצן:
ניט גוטס קאָן גאָט טאָן און ניט שלעכטס.

זייער פארמעג וועט זיין צו רויב,
און זייערע הייזער צו וויסט;
זיי וועלן בויען הייזער
און ניט באוואוינען;
זיי וועלן פלאנצן וויינגערטנער,
און ניט טרינקען דעם וויין.

א טאָג פון צאָרן איז יענער טאָג,
א טאָג פון נויט און קלעם,
א טאָג פון וויסטקייט און פארוויסטונג,
א טאָג פון חושך און פינסטערניש,
א טאָג פון וואָלקן און נעפל.

א טאָג פון שופר און שאלונג
אקעגן די באפעסטיקטע שטעדט,
און אקעגן די הויכע טורעמס.

איך וועל ענג מאכן די מענשן,
און וועלן אומגיין ווי בלינדע,
ווייל זיי האָבן צו גאָט געזינדיקט.

זייער בלוט וועט פארגאָסן ווערן ווי שטויב,
און זייער פלייש — ווי מיסט.

אפילו זייער זילבער און גאָלד
וועט זיי ניט קענען רעטן;

אינם פייער פון זיין כעס
וועט פארצערט ווערן די ערד".
(קאפיטל 1, פסוק 1—18).

אין דעם דאזיקן בילד באוויזט אונז צפניה זיין צייט און סביבה. ער שרעקט זיי מער ניט מיט דעם דרויסנדיקן פיינט, ער ווארפט אויך ניט אן די מורא פון פארטריבן ווערן אין גלות. די צייט איז דאמאלט געווען לפי ערך נאך א רואיקע — לכל הפחות מצד דעם דרויסנדיקן שונא — און דער נביא שטורעמט בלויז קעגן דער אייגענער אומגערעכטיגקייט און אפקערונג פון גאט.

זיין בילד וועגן „גאט'ס טאג", איז אויך א נייער און אן אָרי־גינעלער. ס'וועט זיין א טאג פון שלאכטונג ניט בלויז פאר אידן, נאר די גאנצע ערד וועט פארצערט ווערן.

„ווארום א פארלענדונג א שרעקלעכע וועט ער מאכן
פון גאר די באוואוינער פון דער ערד".
(קאפיטל 1 פסוק 1—18).

אפילו די זינד וואס דער נביא רעכנט אויס, זיינען אויך נייע און אנדערש: ס'איז די זינד פון קליידן זיך אין פרעמדע קליידער, און נאכטאן פרעמדע מנהגים און אין מקריב זיין קינדער צום אפגאט מולך.

די דאזיגע זינד פון געצנדינסט און זאגן „ניט גוטס קאן גאט טאן און ניט שלעכטס" באגייען אויך די אנדערע פעלקער. נאך מערער: זיי זיינען עס די וואס זיינען משפיע. וועט טאקע גאט'ס צארן זיין אויך אויף זיי. קיינער וועט זיך ניט אויסהיטן פון גאט'ס האנט.

„ווי, איר באוואוינער פון ים-געגנט,
איר פעלקער פון כרתים!
דאס ווארט פון גאט איז אויף אייך,
דו, לאנד פון פלשתים,
דיך וועל איך אומברענגען,
אז קיין באוואוינער זאל ניט זיין.

איך האָב געהערט די לעסטערונג פון מואב,
און די זידלערייען פון די בני עמון.

דערפאר אזוי ווי איך לעב,
אז מואב וועט ווי סדום ווערן,
און די בני עמון — ווי עמורה,
א ווירטשאפט פון דערנער,
אַן אויסגראָבונג פון זאלץ,
א וויסטעניש אויף אייביק.

אויך איר כושים
וועלן דערשלאָגן ווערן.

ער וועט אויסשטרעקן זיין האנט קעגן צפון
און וועט אומברענגען אשור,
און מאכן נגוה א וויסטעניש,
א טריקעניש ווי א מדבר״.
(קאפיטל 2 פסוק 5—13).

ווי יעדער אנדערער נביא, האָט אויך צפניה א ווארעם טרייסט וואָרט :

„זינג, טאָכטער ציון,
טוט שאלן, ישראל,
פריי זיך און לוסטיק,
טאָכטער ירושלים.

גאָט טוט אָפּ דיינע משפטים,
און ראמט אָפּ דיינע פיינט.

גאָט דיין האר איז צווישן דיר,
א מעכטיקער וואָס העלפט ;
ער וועט זיך פרייען מיט דיר,
ער וועט פארשווייגן אין זיין ליבשאפט.

איך וועל איינזאמלען די פארשטויסענע,
און זיי מאכן פאר א לויב
צווישן אלע פעלקער פון דער ערד".
(קאפיטל 3 פסוק 14—20).

צפניה'ס ציל איז געווען דער זעלבער ווי ביי די אנדערע נביאים: א העכערן באגריף וועגן גאָט און א בעסערן לעבענסשטייגער באזירט אויף יושר און גערעכטיגקייט.

אין די טעג פון סכנה מצד אשור האָבן ישעיהו און מיכה קלאָר ארויסגעבראכט די דאָזיקע פאָדערונגען, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך צו זיי ניט צוגעהערט. די דעמאָראליזאציע און דעגראדאציע איז איצטער געווען די זעלבע ווי פריער, און דעם נביא'ס פארדאמונג איז איצטער געווען א צייטיקע. צפניה האָט אויסגעלייגט דעם וועג פאר דער שפּעטערדיקער רעפאָרם. הינטער זיינע פינסטערע פאראויסזאָגונגען, איז געלעגן דאָס ווארעמע הארץ פון א פאטריאט און ליבהאבער פון גאָט און מענש.

דער אמתער ווערט ליגט אָבער אין דעם עצם פאקט פון זיין דערשיינונג, ווייל ווידעראמאָל האָט זיך אין יהודה געהערט די שטים פונם נביא און ווידעראמאָל האָט דאָס פאָלק געקאָנט אויפפאסן דעם רעיון אז גאָט'ס האנט איז אין איטלעכער פאסירונג.

זיינע רייד זיינען אויך געווען א געזונטער סטימולאנט צו די נייע בעסערע איינפירונגען, וואָס דער יונגער קעניג יאשיהו האָט אָנגעהויבן. זיי האָבן אויך געגעבן נייעם כח דער קליינער גרופע טרייע דינער צו באקעמפן די אייגענע זעלן־דריקונג.

גאנץ אנדערש פון די פריעדיקע נביאים איז אָבער דער נביא נחום. ער איז א טיפ פאר זיך, און זיינע רעדעס דארפן אפשר ניט פאררעכענט ווערן פאר נביאישע. אין זיי איז ניטאָ ניט די שטראָף־רייד און ניט די טרייסטווערטער.

נחום אנטהאלט דריי קאפיטלעך. דער ערשטער קאפיטל איז אן אדע, א לויבגעזאנג צו גאָט, און האָט גאנץ ווייניק שייכות צו די איבעריקע צוויי קאפיטלעך. די מאָדערנע ביבל פאָרשער גלויבן טאקע, אז דער ערשטער קאפיטל איז גרייזיק צוגעשטעלט געוואָרן. פון גרויס וויכטיגקייט

זיינען בלויז די לעצטע צוויי אין וועלכע עס זעט זיך גיכער אָן זיין צייט. ער זינגט דאָרטן זיין נקמה ליד אויף אשור און איר הויפּטשטאָדט נגוה. מיט דעם דאָזיקן געפיל איז זיין הארץ אָנגעפילט און דאָס דאָזיקע איז אויך דער אינהאלט פון זיינע רייד.

ווער אזוינס דער דאָזיקער נביא איז געווען, איז ווידער אומ־באוואוסט. בלויז איין איינציק וואָרט איז פאראן: דער אלקושי". די ביבל פאָרשער זיינען אין דער מיינונג, אז ער איז געווען איינער פון די פארטריבענע אין אשור און האָט דאָרטן געזונגען זיין נקמה־ליד איבער די פארוויסטער פון זיין פאָלק און לאנד.

מיט לעבעדיקע פארבן מאָלט דער נביא די שטאָדט נגוה, וועלכע איז איינגעגלויבט אין אירע גרויסע כחות בייצושטיין די פיינט וואָס באלאגערן איר.

„פייער, יהודה, דיינע פייערטעג,
באצאָל דיינע נדרים,
ווארום מער וועט ניט דורכגיין
דער נידעטרעכטיקער:
ער איז אין גאנצן פארשניטן.

א צעברעכער גייט ארוים קעגן דיר:
היט די פעסטונג,
קוק אוים דעם וועג,
באפעסטיק די לענדן,
מאך שטארק דיין כח, —

ווארום גאָט קערט אום דעם שטאָלץ
פון יעקב און פון ישראל;
ווארום אויסליידיקער האָבן זיי אויסגעליידיקט,
און זייערע צווייגן פארדאָרבן,

דער שילד פון זיינע גיבורים איז רויטלעך,
די קריגסלייט אין ווערמל־פארב,

אין פייערדיקן שטאָל די רייטוועגן,
אין טאָג פון זייער צוגרייטונג.

דורך די גאסן ווילדעווען די רייטוועגן,
זיי שטורמען דורך די מערק,
זייער אָנבליק איז ווי פלאמען,
ווי די בליצן לויפן זיי אום.

ער טראכט וועגן זיינע גיבורים,
אָבער זיי ווערן געשטרויכלט אין וועג;
מען איילט צו דעם מויער,
און צוגעגרייט ווערט דער דאך,

די טויערן פון די טייכן זיינען געעפנט,
און דער פּאלאץ ווערט צורונען.
די קעניגין ווערט א נאקעטע אוועקגענומען,
און אירע דינסטן קלאָגן ווי דער קול פון טויבן".
(קאפיטל 2 פסוק 1—9).

זער דראמאטיש ווערט פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון די צוויי זיך באַנגנדיקע פיינטלעכע מחנות: אשור און בבל.

„שטייט! שטייט! —
קיינער קערט זיך ניט אום.

דער אנדערער צד בעט זיך און שרייט:

רויבט זילבער, רויבט גאָלד,
ניטאָ קיין שיעור צום אויסשטאט,
א רייכטום פון גלוסטיקע זאכן!

אָבער די זיגער לאָזן זיך ניט איבערקויפן מיטן רייכטום, און

נגוה ווערט פוסט און וויסט,
און דאָס הארץ ווערט צוגאנגען,

אונ א וואקלעניש פונ קני,
אונ א ציטערניש אינ די לענדן,
אונ אלעמענס פנימער
נעמען אָן א פינסטערניש".
(קאפיטל 2 פסוק 10—11).

אונ דער נביא רופט אוים מיט שפּאָט אונ געלעכטער:

„וואו איז די וואוינונג פונ די לייבן,
וואָס איז געוועזן א פאשע פאר יונגע?

דער לייב פלעגט פארצוקן פאר זיינע יונגע,
אונ דערווערגן פאר זיינע לייביכעס,
אונ אָנגעפילט מיט פארצוקונג זייערע לעכער
אונ זייערע וואוינונגען מיט פארצוקטע".
(קאפיטל 2 פסוק 12—13).

דער נביא איז זיך ניט מצטער איבער דעם בראָך פונ אשור. פאר־קערט, ער רעכטפארטיקט דעם דינ אונ האָט דערפונ גרויס פרייד:

„ניטאָ קיינ לינדערונג פאר דיינ בראָך,
שווער איז דיינ וואונד;
אלע וואָס הערנ וועגנ דעם
קלאפּנ מיט די הענט פונ פרייד,
ווארום וועמענ האָסטו דענ קיינ שלעכטס געטאָן?"
(קאפיטל 3 פסוק 19).

נחום איז געוועזן דער אמת'ער פאָלקס־נביא, אונ דורך אים דער־פילן מיר צום ערשטן מאָל דעם אמת'ן אויסדרוק פונ די ברייטע פאָלקס־מאסן, דעם נקמה־געפיל קעגנ די פריערדיקע באדריקער וואָס איז אזוי נאטירלעך אונ מענשלעך.

דער נביא חבקוק איז שוינ פונ א שפּעטערדיקנ פעריאָד; ער שטייט שוינ אויפנ שוועל פונ א נייער תקופה, די תקופה פונ בבל, אונ זיינ נבואה איז טאקע הויפּטזעכלעך וועגנ דעם אָנקום פונ בבל:

„פאָרכטיק און מורא'דיק איז ער,
פון אים אליין גייט ארויס זיין מאכט,
און פלינקער פון לעמפערטן זיינען זיינע פערד,
און שארפער פון ביינאכטיקע וועלף;
און זיינע רייטער פארשפרייטן זיך,
זיינע רייטער קומען פון דער ווייטן,
פליען ווי אן אדלער וואָס איילט צו פארצערן.

זיי אלע קומען צו רויבן,
און זאמלען ווי זאמד געפאנגענע.

ער שפּאָט פון מלכים,
פירשטן זיינען א שפּילכל ביי אים;
ער לאכט פון פעסטונגען,
ווארום ער שיט אָן ערד און באצווינגט זיי".
קאפיטל 1 פסוק 7—10).

וועגן דעם דאָזיקן נביא ווייסט מען לחלוטין גאָרניט, אפילו ניט ווער זיין פאָטער איז געווען און פון וואנען ער איז געקומען. זיינע רייד זיינען אָפט אויך שווער צו פארשטיין, אָבער דערפאר זיינען זיינע בילדער לעבעדיקע.

אויך ער איז ניט קיין שטראָפער. פארקערט, ער האָט גאָר טענות צו גאָט הלמאי ער איז אזוי גרויזאם צו אידן און דערלאָזט די אומגערעכטע פעלקער רויבן און פירן שטענדיקע מלחמה.

„ביז וואנען, גאָט, וועל איך רופן,
און דו וועסט ניט הערן?
שרייען צו דיר געוואלד,
און דו וועסט ניט העלפן?

פארוואָס לאָזט דו מיך זעען אומרעכט,
און קוקסט צו צו דעם אומגליק?

רויב און גזלה איז תמיד פאר מיר,
תמיד קריג און קאמף.

אָט דערפאר איז אָפּגעשוואכט די תורה,
און קיינמאָל קומט ניט ארויס דער משפט;
ווייל דער רשע רינגלט ארום דעם צדיק,
קומט דער משפט ארויס פארדרייט.

זעט ביי די פעלקער און קוקט אייך צו,
און ווערט שטארק פארוואונדערט:
און וועט ניט גלויבן אז ס'וועט דערציילט ווערן".
(קאפיטל 1 פסוק 2—6).

און ווען זיינע טענות און תביעות העלפן ניט, פארווענדט ער זיך צו גאָט מיט א תפילה און בקשה:

„באמת, דו ביסט דאָך פון תמיד אָן
גאָט מיין האר, מיין הייליקער,
טאָ דערלאָז מיך ניט אומקומען!

דיינע אויגן זיינען צו ריין צו זען שלעכטס,
און צוקוקן אומרעכט קאָנסטו אויך ניט:
טאָ פארוואָס זשע קוקסטו צו די פעלשונגען,
און שווייגסט ווען דער רשע שלינגט איין
דעם וואָס איז גערעכטער פון אים?

האָסט געמאכט די מענשן ווי פיש אין ים,
ווי ווערים אָן א געוועלטיקער איבער זיי;

ציט ער זיי אלע ארויף מיט א ווענטקע,
שלעפּט זיי ארויף אין דער נעץ,
און זאמלט זיי איין אין זיין טאָרבע,
און פרייט זיך און קוועלט אָן.

און אָט דערפאַר שלאַכט ער זיין געטשקע,
און רויכערט קטורת צו זיין אָפּגאָט,
ווארום דורך זיי איז פעט זיין חלק,
און זיין עסן איז זאַנפטיק.

זאָל ער דאריבער תמיד אָנפילן זיין נעץ,
און הרג'ענען פעלקער אָן רחמנות ?"
(קאַפיטל 1 פסוק 12—17).

חבקוק קריגט אויך זיין ענטפער פון גאָט, און ווערט באַפוילן דעם ענטפער אויפצושרייבן אויף טאַוולען מען זאָל אין די שפּעטערדיקע צייטן קענען לייענען. דער ענטפער איז מבטיח אַז די גאולה וועט קומען, און

„אויב דער סוף וועט זיך פאַרזאַמען,
זאָלסטו אָלץ וואַרטן אויף אים,
ווארום ער וועט זיכער קומען,
ער וועט ניט פאַרשפּעטיקן".
(קאַפיטל 2 פסוק 3).

דער נביא איז פול מיט האָפענונג, אָבער די שרעק פאַר די אָנקומענדיקע אַרמייען האָט דורכגעלעכערט זיין האַרץ און ער איז פול מיט ספקות און שאלות :

„ווײ דעם וואָס מערט פרעמדס —
אָבער ביז וואַנען ?"
(קאַפיטל 2 פסוק 6).

ער גיט אפילו אליין דעם ענטפער דאַרויף :

„פּלוצים וועלן אויפשטייגן דיינע צינז-מאָנער,
און דערוועקן וועלן זיך דיינע אויפטרייסלער,
און וועסט ווערן צו רויב פאַר זיי.

ווייל דו האָסט בארויבט פילע פעלקער,
וועלן דיך בארויבן אלע אומות".
(קאפיטל 2 פסוק 7—8).

אויך חבקוק איז קעגן יעדער אימפעריאליסטישער באשטרעבונג, און ער ווי אלע אנדערע נביאים, גלויבט אז א מלוכה קאָן זיך ניט דערהאלטן אויף אומגערעכטיגקייטן און אונטערדריקונג. סוף כל סוף מוז אויך די גרויסע רעגירונגס מאכט צוזאמענפאלן און ווערן א קרבן:

„ווי דעם וואָס בויט א שטאָדט אויף בלוט,
און שטעלט אויף א כרך אויף אומרעכט".
(קאפיטל 2 פסוק 12).

קומט ער שוין צו דער מסקנא, אז בבל וועט אונטערגיין דער־וועקט זיך שוין אינם נביא די האָפענונג אויך פאר זיין פאָלק:

„ביסט ארוים צו הילף דיין פאָלק,
צו העלפן דיין געזאלבטן;
האָסט צוהאקט דעם קאָפּ פון רשע׳ס הויז,
האָסט אויפגעדעקט דעם גרונט ביזן האלז.
מיט זיינע אייגענע פיילן האָסטו צולעכערט
דעם קאָפּ פון זיינע פירער,
וואָס שטורמען מיך צו פארשפרייטן,
וואָס זייער פרייד איז ווי אויפצועסן
דעם אָרימאן אין פארבאָרגעניש".
(קאפיטל 3 פסוק 13—14).

דער נביא גלויבט אין ישראל׳ס צוריקקער און באנייאונג און געפינט דאָרין זיין טרייסט, אָבער אין גאנצן זיך באפרייען פון דער מורא קאָן ער ניט.

„א פוילונג איז אריין אין מיינע ביינער,
און איך ציטער אויף מיין ארט:
איך זאָל זיין באַרואיקט אין טאָג פון נויט,
ווען מען קומט אויף מיין פאָלק אים צו באפאלן.

ווי קאָן ער אויפהערן מורא האָבן פארן שיקזאל פון זיין פאָלק, אז די לאגע איז אזא שלעכטע ?

„דער פייגנבוים בליט ניט,
ניטאָ קיין פרוכט אויפן וויינשטאָק,
און ווייניק איז דער איינקונפט פון אויל,
די פעלדער גיבן ניט קיין שפייז,
און קיין רינדער איז אין די שטאלן ניטאָ".
(קאפיטל 3 פסוק 17).

נאָט איז זיין איינציקע שטארקייט; ער גיט אים די גרויסע כחות די מורא בייצוקומען :

„יהוה מיין גאָט איז מיין שטארקייט,
און ער מאכט מיינע פיס ווי די אינדין,
און אויף מיינע הויכן מאכט ער מיך טרעטן".
(קאפיטל 3 פסוק 19).

די דאָזיקע דריי נביאים, צפניה, נחום און חבקוק, האָבן געלעבט אין א משך פון א גאנץ קורצער תקופה, א תקופה אין וועלכער יהודה איז געשטאנען אויפן שוועל פון גאָר גרויסע היסטארישע פאסירונגען, און אָט אין דער זעלבער תקופה און אויך א לאנגע צייט דערנאָך האָט געלעבט און געווירקט דער גרויסער מקונן, דער נביא ירמיהו.

ירמיהו

ירמיהו איז דער ערשטער צווישן די נביאים, וועמענס לעבן און צייט ס'איז באוואוסט אין אלע זייערע איינצלהייטן. וועגן דער צייט פון זיין דערשיינונג ווי א נביא, דערוויסן מיר זיך טאקע פון אים אליין. אינם סאמע אָנהויב פון ספר ירמיהו ווערט געשריבן .

„די ווערטער פון ירמיהו דעם זון פון חלקיהו, פון די כהנים וואָס אין ענתות אין לאנד בנימין, וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז צו אים געווען אין די טעג פון יאשיהו דעם זון פון אמון, דעם מלך פון יהודה, אין דרייצנטן יאָר פון זיין מלוכה, און איז אויך געווען אין די טעג פון יהויקים דעם זון פון יאשיהו, דעם מלך פון יהודה, ביז דעם גלות פון ירושלים אין פינפטן חודש".

דאָס דאָזיקע האָט זיך אָנגעהויבן בערך אינם יאָר זעקס הונדערט און פינף און צוואנציק פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג, אינם יאָר וואָס די סקיטען, א ווילד פאָלק וואָס האָט זיך געצויגן פון די סטעפּעס ביי די טייכן דאָן און וואָלגא דורך קאווקאז און דעם קאספּישן ים, האָבן זיך צעשפּרייט איבער מערב אזיע און געשטעלט אין געפאַר סיריע און מצרים. אין יענער שטורמישער צייט האָבן אין יהודה געווירקט די נביאים צפניה, נחום, חולדה און חבקוק. יעדער איינער פון זיי האָט אָבער נבואה געזאָגט בלויז איבער א משך פון געציילטע יאָרן און באלד פארשוואונדן פון דער ארענא. בלויז ירמיהו, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין נביאות אין עלטער פון זעקס און צוואנציק יאָר, איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן איבער דער גאנצער גלות־תקופה.

צוויי און פערציק יאָר נאָכאנאנד האָט אָנגעהאלטן זיין געטלעכע שליחות, קעמפנדיק און שטורמנדיק קעגן די מאכטהאבער און מיוחסים פון יהודה, קעגן די פילע פאלשע נביאים און דעגענערירטע כהנים, וועל־כע האָבן אים געשלאָגן, פארפאָלגט, אין תפיסה געוואָרפן און אפילו פאר־אורטיילט צום טוידט.

ירמיהו האָט אין זיינע יאָרן געזען דעם מלך יאשיהו אין זיין גדולה, געזען זיין מורא'דיקן און פלוצימדיקן פאלן ; באקלאָגט דעם מלך יהואחז ביי זיין פארטריבן ווערן אין מצרים ; זיך אנטקעגנגע־

שטעלט דעם שלעכטן מלך יהויקים און גערעדט הארבע ווערטער צום יונגן מלך יכניה, וועלכער איז פארטריבן געוואָרן אין בבל; זיך אָנ־געשלאָגן עטלעכע מאָל אָן צדקיהו'ן, דעם לעצטן מלך פון יהודה; אליין צוגעזען דעם גאנצן חורבן און לסוף אוועקגענומען געוואָרן קיין מצרים, וואו ער איז אומבאוואוסט פארשוואונדען און אנטשוויגן געוואָרן.

ירמיהו'ס צרות, ענויים און יסורים זיינען אין א געווייסן זין א סך שרעקלעכער און גרויזאמער ווי איוב'ס, שוין דערמיט וואָס איוב, אויב ער האָט בכלל עקזיסטירט, האָט געליטן פון גאָט, און ירמיהו איז נעפייניקט געוואָרן פון זיינע אייגענע ברידער, די קינדער פון זיין אייגן פאָלק, וועמען ער האָט געליבט א סך מערער ווי דעם אייגענעם לעבן.

אכט מאָל האָט מען אים געוואָרפן אין תפיסה, און כמעט געלאָזן אויסגיין פון הונגער און דורשט. מען האָט אים געהאלטן אין אזא טיפן זומפּ, אז ווען מען האָט אים באפרייט האָט מען אים געמוזט ארויסציען מיט שטריק און אונטערבעטן זיינע ארעמס מיט אלטע קליידער כדי די הענט זאָלן זיך ניט אָפּרייסן פון צופוילטקייט. זיינע יסורים, די קערפּערליכע און גייסטיקע, זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן גרעסער און ערגער, און האָבן פאקטיש אָנגעהאלטן ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן.

זיינע אייגענע לאנדסלייט, די קינדער פון ענתות, האָבן אים פיינט געהאט און גע'רודף'ט. זיי האָבן אים דעם לעבן אזוי פארביטערט, אז ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט: לא אזכרנו ולא אדבר עוד בשמו — איך וועל מערער גאָט'ס נאָמען ניט דערמאָנען און וועל מער קיין נביא ניט זיין.

אן אנדערש מאָל שרייט ער אויס פון פארצווייפלונג:

מי יתן ראשי מים — אָ, גאָט, גיב מיר אז מיין קאָפּ זאָל זיין א פאָנטאַן מיט וואסער און מיינע אויגן ווי צוויי קוואלן. ערשט דאמאָלט וואָלט איך באוויינען די דערשלאָגענע פון מיין פאָלק.

זיינע אייגענע יסורים האָבן אים ניט געקימערט, אמווייניקסטנס האָט ער געהאט מוט און גבורה זיי אריבערצוטראָגן. אָבער צוזאמען דערמיט אויך דעם בראָך פון זיין פאָלק און לאנד, איז פאר אים שוין געווען אומדערטרעגלעך.

„איך האלט מיך איין — האָט ער איינמאָל אויסגערופן — פון טרויער ווען אויף מיר פערזענליך טוט דאָס הארץ וויי. אָבער ווען דער געשריי קומט פון מיין פאָלק איז מיר אוממעגלעך זיך איינצוהאלטן".

ירמיהו איז דאריבער דער טראגישסטער און אומגליקלעכסטער צווישן אונזערע אומשטערבלעכע נביאים. זיין לעבן איז געווען איין לאנגער קדוש השם, וואס בלויז אן איבערמענשלעכער גייסטיקער ריז ווי ער האט אזוינס געקאנט אריבערטראגן.

ירמיהו איז אודאי אויך דער גרעסטער אידישער פאטריאט, וואס די געשיכטע האט צו פארצייכענען. ער איז פון זיינע אייגענע ברידער, פון דער מלוכה און פון די כהנים געפלאגט און געפייניקט געווארן, פאר־פאלגט און געטריבן געווארן, און דאך האט ער ארויסגעוויזן די גרעסטע ליבע און שטארקסטע מסירת נפש צו זיין לאנד און פאלק. ער האט געשטורעמט און געשטראפט, גע׳מוסר׳ט און געווארנט, געצארנט און גע׳כעס׳ט, אבער אלץ צוליב דער גרויסער ליבע און טרייהייט צום פאלק, וועמען ער האט געזוכט צו ראטעווען פון פולשטענדיקן חורבן.

ירמיהו האט געהאט דעם אומגליק געבוירן צו ווערן אין דעם סאמע קריטישסטן מאמענט פון דער אידישער מלוכה. אויפ׳ן באדן פונם קליינעם ארץ יהודה האט געדארפט אויסגעפאכטן ווערן די שלאכט צווישן די צוויי גרעסטע אימפעריאליסטישע מלוכות, און יהודה האט זיך געפונען צווישן פייער און וואסער.

ירמיהו האט געטראגן דעם אייביקן אמת אין זיין אנגעווייטיקט הארץ, אבער קיינער האט זיך צו זיין אמת ניט געוואלט צוהערן. די אידישע מלוכה איז באהערשט געווען פון א רייכן, רויבערישן קלאס, וואס האט אין זינען געהאט בלויז זיך. די אידישע אמונה איז געווען פארשוועכט, דער לעבן דעגראדירט און פארפוילט, אומעטום בלויז פארטייען און גרופן, אינטריגעס און שנאה, רויבער און בארויבטע.

האט איין הויף־קליקע זיך פאראייניקט מיט איין גרויס־מאכט, האט די אנדערע געטאן פונקט פארקערט. קיינער האט ניט געוואלט פארשטיין, אז פארן שעפס איז אייגנטלעך קיין אונטערשייד צי ער ווערט פארצוקט פון א לייב אדער צוריסן פון אן אדלער.

ירמיהו האט זיך אין דער דאזיקער קאמפליצירטער סיטואציע אפגעגעבן א קלארן חשבון. פאר אים איז געווען בולט אז יהודה וועט פאלימיש פאלן, און ער האט כאטש געוואלט ראטעווען די כחות פאר אינווייניקסטער שטארקייט. ער האט דעם חורבן און גלות געזוני געזען און אים אויך באקלאגט, אבער ער איז דאדורך קיינמאל ניט געבליבן פארצווייפלט. אודאי איז דעם שונא׳ס פארוויסטונג געווען אן אומגליק,

אָבער ניט דאָס דאָזיקע האָט אים אמשטארקסטן באַזאָרגט און ווי געטאָן. אים האָט געבלוטיקט דאָס הארץ פאר דער אינווייניקסטער צופּוילטקייט, פאר דעם אָפּקער פון דער ריינער יהוה׳שער דינסט, פאר דער פארשפּריי־טער אבערגלויבישקייט און געצנדינסט, פאר דער אָפּווייכונג פון די מאָ־ראליש־עטישע תורה־געבאָטן און פאר דער הערשנדיקער סאָציאַלער אומ־גערעכטיגקייט און אומגליקכהייט.

ירמיהו איז מערער פון אַלץ געווען א בויער; אים איז דורכאויס אָנגעגאנגען דער פּויערים־לעבן, די אקערער און זייער, די בויער און פלאנצער. זיי זיינען געווען זיין געזונטער פאָלקסטייל, און פאר זיי האָט ער געזאָרגט און גע׳דאגה׳ט.

ירמיהו האָט ליב געהאט זיין לאנד מערער ווי דעם בית המקדש. דער אומגליק איז ניט געווען אינם פארברענען דעם בית המקדש מיט דער שטאָדט ירושלים, נאָר אינם — גלות! מעג נאָר די פרייהייט און רייכקייט אוועקגענומען ווערן, איז דאָס פאָלק נאָך אַלץ שטארק אויב ס׳פארמאָגט באָדן און בויער.

ירמיהו האָט גוט געקענט סיי די פרעמדע רויבער און סיי זיינע אייגענע. ער האָט געזען ווי ס׳אידישע לאנד ווערט באַהערשט פון א רויבערישער קאסטע, וואָס האָט קיין חוש ניט פאר יושר און גערעכטיגקייט. אַלץ איז ביי דער דאָזיקער קאסטע געווען רעכט, אבי ס׳האָט נאָר פאר־מערט אירע געלד־אוצרות. קיין רחמנות איז ניט אָנגעוועגדט געוואָרן, קיין שמץ יושר׳דיגקייט, קיין פונק פון געוויסנהאַפטיגקייט, נאָר רויב און גזלה, אונטערדריקונג און פארוויסטונג.

און אָט אינם זעלבן ליכט האָט ירמיהו געזען די פרעמדע רויבער. אויך זיי האָבן זיך געיאָגט נאָכן גאָלד און זילבער, נאָך די רייכע פּאַלאַצן און זייער פארמעגן, נאָך די מלכים און זייערע אוצרות, נאָך די טעמפּלען און זייערע גאָלדענע געטער. אשור, מצרים און בבל האָבן ניט געזוכט אומצוברענגען דעם אָרימען פּויער, דעם וואָס גיט זיך אָפּ מיט זיין ערד ארבעט, נאָר דעם רייכן און הערשער, דעם אריסטאָקראט און פּריץ, דעם וואָס האָט אוצרות אָנגערויבטן פארמעגן.

איז ירמיהו דאריבער געווען גלייכגילטיק צו דער פראגע מיט וועמען יהודה זאָל זיך פארבינדן: מיט מצרים אָדער מיט בבל.ביידע זיינען אים געווען גלייך,ביידע האָבן בלויז געזוכט די אוצרות פון די רייכע, און זייערע אוצרות מעג מען דאָך לכל הדעות אוועקנעמען. זיי

זיינען דאָך אָנגערויבטע, דערוואָרבן דורכן בלוט און שווייס פון די אָרימע אידישע מאסן, אוועקגע'גזל'ט פון יתומים און אלמנות, און דער אויסגאנג פון אזעלכע שווערע זינד איז די שטראָף, די שטראָף וואָס קומט דורך „גאָט'ס אייזערנע רוט".

ירמיהו זעט בלויז איין דערלייזונג: גערעכטיגקייט און גוטס, מאָראל און עטיק, דערהויבנקייט און אידייאישקייט! כל זמן אָבער אין לאנד הערשט אומגערעכטיגקייט און געצנדינסט, כל זמן דער אָרימאן איז גערדיקט און בארויבט, איז אלץ איינס צי דער מלך איז א אידישער אָדער אן אשורישער, צי די הערשער זיינען אידישע אריסטאָקראטן אָדער פרעמדע אימפעריאליסטן.

ירמיהו זעט אין זיין דיכטערישער וויזיע, אז ס'וועט תמיד בלייבן א שאירית הפלטה, אן איבערבלייב, וואָס וועט זיך קריסטאליזירן און לויטערן און ווערן פייאיק איבערצואנדערשן איר סאָציאלע אָרדנונג און באציאונג. בבל וועט פארברענען דעם בית המקדש, וועט פארטרייבן די מלכים און שררים אין גלות, אָבער די אָרימע ארבעטנדיקע מאסן וועט ער ניט אָנרירן. ער וועט זיי גאָר געבן פעלדער און וויינגערטנער און דערמוטיקן אויפצובויען א נייע היים אָן מלחמות און אָן פאליטיק, אָן פרעמדע פארבינדונגען און אָן אימפעריאליסטישע אספיראציעס.

ניט גרינג און ניט אָן א טיפן אינערלעכן קאמף און געראנגל, איז ירמיהו דערגאנגען צו דער דאָזיקער איבערצייגונג. ירמיהו איז געווען דער דאָזיקער צווישן די גרויסע נביאים, וואָס האָט מיט זיכערקייט פאראויסגעזאָגט דעם פארברענען פון בית המקדש, און אודאי האָט אים אזוינס וויי געטאָן, אודאי האָט עס צוריסן זיין הארץ:

„איך שטארק זיך איבער דעם אומעט,
מיין הארץ טוט מיר וויי,
דער געשריי פון מיין פאָלק
דערגייט צו מיר פון דער וויטן.

איבער דעם בראָך פון ציון בין איך צובראָכן,
פינסטער איז מיר, א שרעק האָט מיך אָנגעכאפט".
(קאפיטל 8 פסוק 21).

זיין חלום וועגן א מלוכה פון אָרימען פאָלק, איז ניט מקויים געוואָרן און זיין האָפענונג אויסצומאַדעלירן א נייע יושר׳דיקע געזעל־שאַפט איז צושטערט געוואָרן. ער אליין איז געשטראָפט געוואָרן מיט גלות מצרים, ניט דורך א פרעמדער, פיינטליכער האנט נאָר דורך זיינע אייגענע ברידער. א ביטערע אנטוישונג איז עס געווען פאַר אים דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן קעמפער, דעם גרויסן אידעאַלן גייסט. איז ער אנטשוויגן געוואָרן — פארשוואונדן פּלוצים פון דער ארענא.

דער גרויסער נביא האָט אודאי פאראויסגעזען זיין אייגענעם סוף, זיין ביטערן קאַמף און גלות, האָט ער ניט געוואָלט ווערן קיין נביא. שווער צו לידן פון די הענט פון אייגענע ברידער, שווער צו טרייסטן דעם אנדערן ווען ס׳אייגענע בלוט טריפט און ווערט צורינען.

ירמיהו האָט ניט געוואָלט אנטפּלעקן זיין צעוויטיקטע נשמה, ער האָט ניט געוואָלט ריידן. דער אמתער דיכטער קאָן בלויז פילן, קאָן בלויז חלומען, קאָן בלויז לידן, אָבער ניט זיין א פאָלקסרעדנער, אָן עצה געבער.

און ירמיהו איז דאָך געווען אזוי יונג, קוים זעקס און צוואנציק יאָר אלט, און ווער איז ער דען? וואָס איז ער דען?

ישעיהו האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך דעם חוב צו זיין א נביא. נאָט האָט אים גערייניקט די אומריינע ליפּן, האָט ער גערעדט ווי די אינטואיציע האָט אים דיקטירט. ירמיהו האָט אָבער מורא געהאַט, מורא געהאַט פאַר זיין יוגנט, מורא געהאַט פאַר זיינע געפילן, מורא געהאַט פאַר זיין עקסטרעמער רעוואָלוציאָנערישקייט, און ער איז געוואָרן א נביא דורך צוואנג, דורך א באַפעל פון גאָט, וועלכער האָט אים צוגעטיילט דעם גרעסטן חלק פונם ביטערן שיקזאַל.

ירמיהו איז געבליבן זיין גאנצן לעבן אומפאַרהייראַט, און איז געווען זיכער אז גאָט האָט אים פארזאָגט ניט צו נעמען קיין פרוי און ניט צו האָבן קיין זין און טעכטער, ווייל ער איז נאָך מבטן אמו באַ־שטימט געוואָרן צו זיין דער נביא און געהערן אין גאנצן צו זיין גאָט און פאָלק:

„און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר:
איידער איך האָב דיך אין מוטערלייב געפורעמט,
האָב איך דיך דערקענט,

און איידער דו ביסט פון טראכט ארויס,
האָב איך דיך געהייליקט;
א נביא פאר די פעלקער
האָב איך דיך געמאכט".
(קאפיטל איינס פסוק 5).

דער נביא האָט דערפילט די גרויסע אחריות, און איז אויף א וויל ניט געווען זיכער צי ער קאָן באמת דורכפירן אזא גרויסע מיסיע ווי ווערן דער נביא ניט איבער איין פאָלק, איבערן אידישן, נאָר איבער אלע פעלקער.

„האָב איך געזאָגט:
ווי, גאָט דו האר,
איך קאָן דאָך ניט ריידן,
איך בין דאָך נאָך א אינגל.

האָט גאָט צו מיר געזאָגט:
זאָלסט ניט זאָגן: איך בין א אינגל,
נייערט וואו איך וועל דיך שיקן זאָלסטו גיין,
און אלץ וואָס איך וועל באפעלן זאָלסטו ריידן.

זאָלסט ניט מורא האָבן פאר זיי,
ווארום איך בין מיט דיר דיך מציל צו זיין.

און גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האנט
און צוגערירט צו מיין מויל,
און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
אָט האָב איך געגעבן מיינע ווערטער אין דיין מויל.

זע, איך האָב דיך געשטעלט היינטיקן טאָג
איבער די פעלקער און איבער די קעניגרייכן
אויסצורייסן און איינצעווארפן,

אונטערצוברענגען און צו צעשטערן,
צו בויען און פלאנצן".
(קאפיטל איינס פסוק 6—10).

דער נביא האט צוויי וויזיעס: אין דער ערשטער ווייזט אים גאט א מאנדלשטאק, און אין דער צווייטער — א זודיקער טאפ געווענדט קעגן צפון. אין די דאזיגע צוויי סימבאלן דערזעט דער נביא די אנט־שלאסנקייט פון גאט צו היטן זיין ווארט און צו ווארענען די אידן:

„פון צפון וועט אויסברעכן דאס בייז
אויף אלע באוואוינער פון לאנד.

ווארום זע, איך רוף צו אלע משפחות
פון די קעניגרייכן צו צפון, זאגט גאט,
און זיי וועלן קומען,
און וועלן שטעלן איטלעכער זיין טראן
ביים אריינגאנג פון די טויערן אין ירושלים,
און קעגן אלע אירע מויערן ארום און ארום,
און קעגן אלע שטעדט פון יהודה.

איך וועל זיי ארויסזאגן מיין משפט
פאר אלע זייער שלעכטסקייט,
וואס זיי האבן מיך פארלאזן,
געריכערט צו פרעמדע געטער,
און געבוקט זיך צו ווערק פון זייערע הענט".
(קאפיטל איינס פסוק 14—16).

און ווידער קריגט דער נביא א באפעל פון גאט:

„און דו זאלסט אנגורטן דיינע לענדן,
און זאלסט אויפשטיין אוןריידן צו זיי
אלץ וואס איך וועל דיך באפעלן;
זאלסט זיך ניט שרעקן פאר זיי,
כדי איך זאל דיך ניט דערשרעקן פאר זיי.

וואָרום זע, איך האָב דיך געמאַכט
פאַר אַ באַפעסטיקטער שטאָדט,
פאַר אַן אייזערנעם זייל
און פאַר אַ קופּערנעם מויער
קעגן די מלכים פון יהודה,
קעגן אירע הארן און כהנים,
און קעגן דעם גאַנצן פאָלק.

זיי וועלן מלחמה האַלטן קעגן דיר,
און וועלן דיך ניט בייקומען,
וואָרום איך בין מיט דיר,
דיך מציל צו זיין״.
(קאַפּיטל 1 פּסוק 17—19).

און אָט מיט דעם דאָזיקן גרויסן כח, איז עס ירמיהו געוואָרן דער נביא ביי אידן.

גלייך פון אָנהויב פון זיין נבואה, שטעלט זיך ירמיהו אויפן שטאַנדפּונקט פון פריערדיקן נביא הושע: די פאַרוואַנדשאַפט צווישן גאָט און זיין פאָלק, איז דער וואַרימער, האַרציקער ליבעס-געפיל און ניט דער קאַלטער, טרוקענער מח; דער בונד פון צוויי געליבטע, און ניט דער בונד פון אַ געזעצלעכן אָפּמאַך. אָננעמענדיק דעם דאָזיקן שטאַנד־פּונקט, האָט ירמיהו שוין אויך אַדאַפּטירט הושע׳ס סימבאָל פון אַ מאַן וואָס איז פאַרליבט אין זיין פרוי. דער אויסדרוק ירמיהו׳ס איז ניט אין גאַנצן דער זעלבער ווי הושע׳ס, ווייל ירמיהו איז נאָך יונג און זיין האַרץ איז נאָך ניט אַזוי שטאַרק צעוויטיקט. אַגב, איז ירמיהו אומ־פאַרהייראַט, און קאָן דאַריבער ניט זיין אַזוי ראָמאַנטיש ווי הושע. אין אים איז דאַריבער אין אָנהויב נאָך פאַראַן אַ סך זעלן-רואיגקייט, און די ראָמאַנטישקייט זיינע איז בלויז דער אויסדרוק פון זיין פּאָעטישער עמאָציע און קינסטלערישקייט.

„גיי, רוף אין די אויערן פון ירושלים
אַזוי צו זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

איך געדענק דעם גענאַד פון דיין יוגנט,
די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט;
דיין גיין נאָך מיר אין דער מדבר,
אין א לאַנד ניט פאַרזייט״.
קאַפּיטל 2 פּסוק 1—2).

גאָט, כביכול, פאַרגעסט ניט די אייביק ראָמאַנטישע יוגנט־צייט פון זיין פאָלק, וועלכער איז געווען דער סאַמער ערשטער צו פּראָקלאַמירן די ריינע גאָטהייט אויף דער וועלט. כאָטש מיר האָבן געזינדיקט קעגן אים, שטאַרק געזינדיקט, זיינען מיר נאָך אַלץ זיין הייליקטום, וואָס די פּרעמדע פעלקער טאָרן ניט פאַרשוועכן און פאַראומריייניקן:

„הייליק ביי גאָט איז ישראל,
דאָס ערשטע פון זיין תבואה;
זיינע פאַרצערער וועלן פאַרוויסט ווערן —
א בייזעניש וועט קומען אויף זיי״.
(קאַפּיטל 2 פּסוק 3).

און דער נביא זינגט זיין ראָמאַנטיש ליד און באַווייזט די פאַר־וואַנדשאַפט צווישן גאָט און זיין פאָלק, און די גוטסקייט און ליבלעכקייט וואָס גאָט האָט זיין פאָלק אַרויסגעוויזן.

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
וואָס האָבן אייערע עלטערן אין מיר אַן עולה געזען
וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט פון מיר,
און געגאַנגען נאָך נאַרישקייט און נישטיק געוואָרן?

און זיי האָבן ניט געזאָגט: וואו איז גאָט
וואָס האָט אונז פון מצרים אויפגעבראַכט,
וואָס האָט אונז געפירט דורכן מדבר,
דורך א לאַנד וואָס קיין מענש איז דאָרין ניט געגאַנגען
דורך א לאַנד פון טרוקעניש און טוידט־שאָטן,
דורך א לאַנד וואס קיין מענש אין דאָרין ניט געגאַנגען
און קיין מענש האָט דאָרין ניט געוואוינט?

און איך האָב אייך געבראַכט אין אַ פּרוכטיק לאַנד,
צו עסן אירע פּרוכט און איר גוטס;
און איר האָט פאַראומריייניקט מיין לאַנד".
(קאַפּיטל 2 פּסוק 4—7).

זיין האַרץ ווערט אים צובראָכן צוזעענדיק דעם שלעכטן מצב פון זיין פאָלק, און ער פרעגט מיט פאַרדרוס:

„איז ישראל אַ געבוירענער קנעכט?
איז ער אַ הויז-געבוירענער שקלאַף?
פאַרוואָס איז ער צו רויב געוואָרן?

אויף אים ברילן די יונגע לייבן,
זיי לאָזן אַרויס זייער קול,
און מאַכן זייער לאַנד אַ וויסטעניש;
זיינע שטעדט זיינען חרוב אָן באַוואוינער.

ווי קומסטו איצטער אויפן וועג קיין מצרים,
צו טרינקן דעם וואַסער פון שיחור?
און ווי קומסטו אויפן וועג קיין אשור,
צו טרינקן דעם וואַסער פון זיין טייך?

ווי די שאַנד פון אַ גנב אַז ער ווערט געפונען,
אַזוי איז צו שאַנד דאָס הויז פון ישראל,
זיי, זייערע מלכים, זייערע שרים,
און זייערע כהנים, און זייערע נביאים.

קאָן אַ יונגע פרוי פאַרגעסן איר צירונג,
אַ כלה אירע באַפּוצונגען?
און מיין פאָלק האָט מיך פאַרגעסן
לאַנגע טעג אָן אַ צאָל".
(קאַפּיטל 2 פּסוק 14—32).

צוריקקערנדיק זיך ווידעראמאָל צו זיין משל פון א פארליבט פּאָר־פאָלק, פארוועגדט ער זיך מיט געבעט צום אידן:

„אז א מאן שיקט אוועק זיין ווייב,
און זי גייט פון אים אוועק,
און געהערט צו אן אנדערן מאן,
וועט ער דען זיך אומקערן צוריק צו איר ?
און דו האָסט מזנה געווען מיט ליבהאבער א סך.

הויב אויף דיינע אויגן אויף די הויכע ערטער
און זע, וואו ביסטו ניט געשענדט געוואָרן ?
אויף די וועגן האָסטו געלויערט אויף זיי,
ווי אן אראבער אין דער מדבר;
און האָסט זינדיק געמאכט דאָס לאנד
מיט דיין זנות און מיט דיין שלעכטסקייט.

האָסטו ניט אקאָרשט גערופן: פאָטער מיינער,
דער פארטרויטער פון מיין יוגנט ביסטו!
וועט ער דען אויף אייביק א שנאה טראָגן ?
וועט ער דען שטענדיק די שנאה אָנהאלטן ?"
(קאפיטל 3 פסוק 1—5).

אָבער די האָפענונג איז נאָך ניט פארלאָרן; ס'איז נאָך פאראן דער וועג פון תשובה. דאָס פאָלק הויבט שוין אָן איינזען די אומגערעכטיגקייט, און גאָט האָט נאָך ניט פארגעסן זיין ליבשאפט.

„קער זיך אום, דו אָפּגעקערטע ישראל, זאָגט גאָט,
איך וועל ניט ווארפן א בייז פנים אויף אייך,
ווארום איך בין אָנגעפילט מיט ליבשאפט, זאָגט גאָט,
איך האלט ניט א שנאה אויף אייביק.

קערט אייך אום, קינדער אָפּקערער, זאָגט גאָט,
ווארום איך בין אייער האר,

און איך וועל נעמען איינעם פון א שטאָדט,
און צוויי פון א משפחה,
און וועל אייך ברענגען קיין ציון.

און איך וועל אייך געבן פאסטוכער נאָך מיין הארצן,
און זיי וועלן אייך פיטערן מיט קענטשאפט און
פארשטאנד.

און ס'וועט זיין, אז איר וועט זיך מערן,
וועט מען מער ניט זאָגן:
דער ארון פון גאָט'ס בונד,
און ער וועט גאָר אויפן זינען ניט ארויף.

אין יענער צייט וועט מען רופן ירושלים
דער טראָן פון גאָט,
און איינזאמלען וועלן זיך אלע פעלקער
און מער ניט גיין נאָך זייער בייז הארץ.

אין יענע טעג וועט דאָס הויז פון יהודה
גיין מיט דעם הויז פון ישראל,
און וועלן קומען אינאיינעם פון צפון לאנד.
אין לאנד וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן.
(קאפיטל 3 פסוק 11—18).

מיט דראמאטישער בילדלעכקייט און האנדלונג גיט דער נביא איבער דעם געשפרעך צווישן דער געליבטער וואָס קערט זיך צוריק מיט גרויס חרטה, און אירע זינד ווערן פארגעבן.

„א קול ווערט אויף די הויכע ערטער געהערט,
א תחנונים געוויין פון די קינדער פון ישראל,
ווארום זיי האָבן פארקרימט זייער וועג,
פארגעסן אָן יהוה זייער גאָט.

קערט אייך אום, קינדער אָפּקערער,
איך וועל היילן אייערע אָפּקערונגען.

דאָס זיינען מיר, געקומען צו דיר,
ווארום דו ביסט יהוה אונזער גאָט.

פאלש זיינען די הויכן,
דער טומל פון די בערג;
אין יהוה אונזער גאָט
איז די הילף פון ישראל.

די שאנד-געטעריי האָט אויפגעגעסן
די מי פון אונזערע עלטערן
פון אונזער יוגנט אָן,
זייערע שאָף און רינדער,
זייערע זין און טעכטער.

נאמיר ליגן אין אונזער שאנד,
זאָל אונז באדעקן אונזער שמאך,
ווארום צו גאָט האָבן מיר געזינדיקט,
מיר און אונזערע עלטערן,
פון אונזער יוגנט ביז היינטיקן טאָג,
און ניט צוגעהערט צום קול
פון יהוה אונזער גאָט".
(קאפיטל 3 פסוק 21—25).

און דער נביא גיט די אידן אן עצה ווי אזוי איינצואָרדענען זייער צוריקקער און תשובה אזוי, אז ער זאָל פארבלייבן אויף דורות לאנג:

„אז דו וועסט זיך אומקערן, ישראל,
און אָפּטאָן דיינע אומווירדיקייטן,
און זיך מער ניט וואקלען,

און וועסט שווערן: „אזוי ווי גאָט לעבט",
מיט אמת, מיט רעכט און מיט גערעכטיגקייט,
וועלן זיך בענשן מיט אים פעלקער,
און מיט אים וועלן זיי זיך רימען.

ווארום אזוי האָט גאָט געזאָגט
צו די מענער פון יהודה און ירושלים:
אקערט אייך מיט אָן אקער,
און זייט ניט אויף דערנער.

באשניידט אייך צו אייער גאָט,
און נעמט אוועק די הויט פון אייער הארץ,
כדי מיין צאָרן זאָל ניט ארויס ווי א פייער,
און ברענען אז קיין לעשער זאָל ניט זיין
צו אייערע שלעכטע מעשים און זינד.

דערציילט אין יהודה און מאכט הערן אין ירושלים,
און זאָגט: בלאָזט א שופר אין לאנד;
רופט מיט א פולער שטים און זאָגט:
זאמלט אייך צונויף און נאמיר אריין אין די שטעדט.

הויבט אויף א פאָן קיין ציון,
און שטעלט אייך ניט אָפּ,
ווארום איך ברענג אן אומגליק
און א בראָך א גרויסן.

און ס'וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט פארגיין דאָס הארץ פון מלך,
און דאָס הארץ פון די שררים,
און די כהנים וועלן באנומען ווערן,
און די נביאים וועלן פארגאפט ווערן".

(קאפיטל 4 פסוק 1—9).

ירמיהו איז נאָך פול מיט האָפענונג און גלויבן אינם אידישן פאָלק, אָבער דער ביטערער נסיון האָט אים גיך אויסגעלערנט אז דער לעבן איז גאָרניט אזוי פשוט און קאָן זיך שווערלעך ענדערן. די סקיטן רוקן זיך נענטער און נענטער צו ירושלים, דער שטויב־וואָלקן פון זייערע פערד־טריט פארטונקלט שוין דאָס לאנד, און די תשובה איז נאָך ניט געקומען. צו זיינע אויערן האָט שוין דערגרייכט די נבואה פון צפניה אין ירושלים, אז גאָט'ס טאָג קומט אָן, דער טאָג פון חורבן, פון אויס־שלאכטונג און פארניכטונג, און ירמיהו'ס אויגן האָבן זיך צועפנט. אויך ער דערזעט שוין איצטער, אז די רוט מוז פאלן אויפן אידישן קאָפּ, אז דער סוף רוקט זיך אָן מיט גיכע טריט, און ער ווערט פון א זינגער פון האָפענונג א נביא פון שטראָף־רייד.

און ווי שרעקלעך איז ווען ער זעט דעם אנקומענדיקן חורבן פון זיין פאלק און לאנד. קיין אנדער נביא האָט דעם חורבן ניט באוויינט טער הארצרייסענדיק ווי ירמיהו:

„זע, ווי וואָלקנס גייט ער אויף,
און ווי דער שטורעמווינט זיינען זיינע רייטוועגן;
פלינקער פון אָדלערס זיינען זיינע פערד;
ווייאונז, ווארום מיר זיינען פארוויסט.

באלאגערער קומען פון א ווייטען לאנד,
און לאָזען ארויס אויף די שטעדט זייער קול.

ווי פעלדהיטער זיינען זיי אויף איר פון ארום,
ווייל זיי האָבן מיר ווידערשפעניקט, זאָגט גאָט.

מיינע אינגעווייד, מיינע אינגעווייד,
איך קאָרטשע מיך פון ווייטיק,
אוי, די ווענט פון מיין הארצן;
מיין הארץ טוט ברומען אין מיר,
איך קאָן ניט שווייגען!
א קול שופר האָסטו געהערט, מיין זעל,
א שאל פון מלחמה.

א בראָך אויף א בראָך געשעט,
וואָרום פארוויסט איז מיין לאנד,
פלוצים זיינען פארוויסט מיינע געצעלטן,
אין א רגע — מיינע פאָרהאנגען.

איך האָב געזעהן די ערד,
ערשט זי איז וויסט און ליידיק,
און די הימלען —
זייער ליכט איז ניטאָ.

איך האָב געזען די בערג, ערשט זיי ציטערן,
און אלע הויכען האָבען זיך געטרייסלט.

איך האָב געזען, ערשט קיין מענש איז ניטאָ,
און אלע פויגלען פון הימעל זיינען אוועק.

איך האָב געזען, ערשט דער כרמל איז א מדבר,
און אלע זיינע שטעדט זיינען צושטערט,

פארן קול פון רייטער און בויגנשיסער
אנטלויפט די גאנצע שטאָדט;
זיי זיינען אריין אין געדיכטע וועלדער,
און אויף פעלזן זיינען זיי ארויפגעגאנגען:
יעדע איינציגע שטאָדט איז פארלאָזן,
און אין זיי וואוינט ניט קיין מענש.

און דו בארויבטע, וואָס טוסטו,
וואָס דו קליידסט זיך אין רויט,
וואָס דו צירסט זיך מיט גאָלד
און רייסט אויף די אויגען מיט פארב?
אומזיסט מאכסטו זיך שיין,
דיינע ליבהאָבער פאראכטן דיך —
זיי זוכן דיין לעבן!

א קול פון א געוויינערן האָב איך געהערט,
אנגסט ווי פון אן ערשטגעוויינערן:
דעם קול פון בת ציון וואָס פארקייכט זיך,
וואָס שפּרייט איהרע הענד פאנאנדער;
ווייַ איז מיר, ווארום מיין זעל
איז אוממעכטיג קעגן די רוצחים."
(קאפּיטעל 4 פּסוק 14—31).

ווי שטארק ער האט ליב געהאט זיין פאלק, איז אבער דער פאר־דרוס געוועזן א סך שטארקער. ער האָט דערזעהן די דעמאָראליזאציע וואָס הערשט דאָרטען, און מיט גרויס ביטערקייט שרייט ער אויס:

„צושפּרייט אייך איבער די גאסן פון ירושלים,
און זעט אקאָרשט און ווערט געוואר,
אויב איר וועט געפינען א מענשן,
וואָס זאל טאָן גערעכטיגקייט
און זוכן דעם ריינעם אמת,
און איך וועל אלעמען מוחל זיין.

איך האָב צו זיך געזאָגט:
דאָס זיינען בלויז די אריגע,
זיי זיינען נאריש און ווייסן ניט דעם וועג,
דעם געזעץ פון יהוה, זייער גאָט.

איך וועל מיר געהן צו די גרויסע,
און וועל ריידן מיט זיי,
אפשר ווייסען זיי גאָט'ס וועג.
אָבער אויך זיי האָבן צובראָכן דעם יאָך,
צורים די בינד־שטריק.

ווי זאָל איך אזוינס מוחל זיין?
אז די קינדער האָבן מיך פארלאָזן,
און געשוואָרן ביי פאלשע געטער;

אז איך האָב זיי אָנגעזעטיקט,
האָבן זיי מזנה געווען.
פערד אָפגעפיטערטע, אנערם זיינען זיי,
איטליכער צו זיין חבר'ס ווייב הירזשעט.

זאָל איך דערפאר זיך ניט אָפרעכענען?
זאָגט גאָט;
און זאָל מיין זעל זיך ניט נוקם זיין
אָן אזא פאָלק?"

(קאפיטעל 5 פסוק 1—9).

און דאָך איז דער נביא פול מיט רחמנות. דער חורבן וועט טאקע קומען, אבער ער וועט ניט זיין קיין פולשטענדיקער, צו קיין פארלענדונג וועט עס ניט דערגרייכן. אויך ער האט געגלויבט אין דער אייביגקייט פונם אידישן פאלק, אין אן איבערבלייב, א שאירית הפלטה, וואס וועט תמיד זיין און ווייטער ממשיך זיין דעם בונד מיט גאָט.

„גייט ארויף אין אירע רייען און צושטערט,
נאָר א פארלענדונג זאָלט איר ניט מאכען;
טוט אָפּ אירע צווייגן—ניט גאָט'ס זיינען זיי.

זיי האָבן געלייקנט אין גאָט,
און געזאגט: דאָס איז ניט ער,
און בייז וועט אויף אונז ניט קומען,
און שווערד און הונגער וועלן מיר ניט זען.

דערפאר האָט גאָט געזאגט:
ווייל איר האָט גערעדט די דאָזיגע רייד,
מאך איך דיינע ווערטער אין דיין מויל צו פייער,
און דאָס דאָזיקע פאָלק ווי האָלץ,
וואָס וועט זיי פארברענען.

איך ברייננ אויף אייך א פאָלק פון ווייט,
א מעכטיק פאָלק איז דאָס,

א פאָלק פון פארצייטנס איז דאָס,
א פאָלק וועמענס לשון דו קאָנסט ניט,
און פארשטייסט ניט וואָס ער רעדט.
זיין פיילן־טאָרבע איז ווי אן אָפענער קבר;
זיי זיינען אלע העלדן, גיבורים.

ער וועט אויפעסן דיין שניט און דיין ברויט,
זיי וועלן אויפעסן דיינע זין און דיינע טעכטער,
דיינע שאָף און דיינע רינדער,
דיין וויינשטאָק און דיין פייגנבוים;
ער וועט צוקלאפּן מיט זיין שווערד
דיינע פעסטונגען אויף וועמען דו פארזיכערסט זיך.

הגם אויך אין יענע טעג, זאָגט גאָט,
וועל איך ניט מאכן א פארלענדונג".
(קאַפּיטעל 5 פּסוק 10—18).

דער נביא האָט געפּרובירט ריידן און אפּעלירן צו יעדן איינעם, פריער צו זיינע בני־עיר, די איינוואוינער פון ענתות, דערנאָך צו די איינוואוינער פון ירושלים, צו די ברייטע מאסן פון פאָלק און לסוף צו די פירער, די רעגירונגס בעאמטע און כהנים, און אויף קיינעם האט ער ניט געווירקט. פארקערט, זיי האָבן אים פאראכטעט, פון אים אָפּגעשפּאָט און אפּגעלאכט. דער נביא זעט פאר זיך מער ניט קיין שטראַל פון האפענונג, און ער שרייט אוים מיט ייאוש:

„אנטרינט, איר קינדער פון בנימין,
ארויס פון ירושלים,
און אין תוקע בלאָזט א שופר,
און אין בית־כרם הויבט אויף א צייכן,
וואָרום אן אומגליק קומט ארויס פון צפון,
און א בראָך א גרויסער.

די שיינע און פארצערטעלטע,
די טאָכטער ציון, טו איך פארשניידן.

און צום שונא רופט ער:

גרייט אָן א מלחמה אויף איהר!

און דער נביא זעט אין זיין וויזיע ווי דער שונא מאכט זיינע פארבערייטונגן און פלענער:

שטייט אויף און נאָמיר ארויפגיין אין מיטן טאָג!
ווי אונז, ווארום דער טאג קערט זיך אָפּ,
ווארום ס'שטרעקן זיך די שאָטנס פון אָוונט.

שטייט אויף און נאָמיר ארויפגיין ביינאכט,
און נאָמיר צושטערן זייערע פאלאצן".
(קאפיטעל 6 פסוק 1—5).

דער נביא מאָלט ווייטער דעם אָנקום פונם שונא און דעם חורבן וואס ער מאכט אן אין לאנד. זיין הארץ ווערט איהם צוריסן, פארוויטיקט, פארבלוטיקט, און כדי צו געפינען א רעכטפארטיגונג רעכנט ער באריכות אויס נאכאמאָל און ווידעראמאָל די זינד פון זיין פאלק:

„ווארום פון זייער קלענסטן ביזן גרעסטן
איז איטלעכער גייציק נאָך געווינסן,
און פון נביא ביזן כהן,
טוט איטלעכער פאלשקייט.

און זיי היילן גרינג דעם בראָך פון מיין פאָלק
און זאָגן: שלום! שלום! ווען קיין שלום איז גארניט דאָ".
(קאפיטעל 6 פסוק 13—14.

און ניט בלויז איז די זינד פון פאלק גרויס, נאר נאך גרעסער זיינען די זינד פון די פירער, די כהנים, וועלכע נארן דעם פאלק אונטער דער מאסקע פון דעם קרבנות־קולט.

דער נביא דערזעט מיט ווייטיק ווי די כהנים דעגראדירן די אמתע אידייאישקייט פון גאט'ס הויז און דערנידעריקן דעם בית המקדש צו א „מערת פריצים", אנמאכנדיק א פולשטענדיקן חורבן אין דער אידי־שער גייסטיגקייט.

ער פרובירט זיי דאריבער באווייזן, אז ניט קרבנות איז דער עיקר פון אידישקייט, נאָר גוטסקייט און גערעכטיגקייט. דער נביא גייט אפילו א שריט ווייטער פון די איבריקע נביאים און דערקלערט אז גאָט האָט נאָר קיינמאָל ניט פארזאָגט צו ברענגען קרבנות.

„אזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבאות :
בעסערט אייערע וועגן און אייערע מעשים,
און איך וועל אייך לאָזן רוען אין לאנד.

איר זאָלט אייך ניט פארזיכערן אויף שקר'דיקע רייד
אזוי צו זאָגן: דער טעמפל פון גאָט,
דער טעמפל פון גאָט איז דאָס דאָזיקע.

נאָר אויב בעסערן וועט איר
אייערע וועגן און מעשים;
אויב איר וועט טאָן גערעכטיגקייט
צווישן איטלעכן און זיין חבר,

דעם פרעמדן, דעם יתום און די אלמנה
וועט איר ניט דריקן,
און אומשולדיק בלוט וועט איר ניט פארגיסן,
און נאָך פרעמדע געטער וועט איר ניט גיין,

וועל איך אייך לאָזן רוען אין לאנד,
וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן,
פון אייביק ביז אייביק.

ווילט איר גנבענען, טוידטן און נואף'ן,
און שווערן פאלש און רויכערן צום בעל,

און קומען פאר מיר אין דאָזיקן הויז,
וואָס איר רופט אָן אויף מיין נאָמען
און זאָגן: מיר זיינען געראַטעוועט?

איז א הייל פון רויבער געוואָרן אין אייערע אויגן
א הויז וואָס זאָל גערופן ווערן אויף מיין נאָמען?
(קאַפּיטעל 7 פּסוק 3—11).

דא באַווייזט דער נביא זיין געוואַגטקייט, אַזוינס וואָס קיין אַנ־דער נביא האָט אזוי שאַרף ניט געוואָגט, און זאָגט זיי אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, ווייל גאָט האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואָלט זייערע קרבנות. ביי די אידן איז תמיד געווען דער איינדרוק, אַז גאָט וועט קיינ־מאָל ניט דערלאָזן זיין הייליקע וואוינונג זאָל פאַרברענט ווערן, און דער־פאַר האָבן די איינוואוינער פון ירושלים תמיד געפילט א מין זיכערקייט קעגן די שונאים.

ירמיהו אַרגומענטירט אפילו מיט זיי, און זאָגט זיי אַז דער משכן אין שילה איז געווען א סך הייליקער ווייל דאָרטן האָט גאָט'ס נאָמען צום ערשטן מאָל גערוט, און דאָך איז ער פאַרניכטעט געוואָרן:

„גייט אַקאַרשט צו מיין אָרט אין שילה,
וואו איך האָב מיין נאָמען דעם ערשטן מאָל געמאַכט
רוען, און זעט וואָס איך האָב צו אים געטאָן
צוליב דער שלעכטסקייט פון מיין פאָלק.

און איצטער אַז איר טוט די דאָזיקע מעשים,
און איך האָב צו אייך גערעדט,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד גערעדט,
און איר האָט ניט צוגעהערט.

וועל איך טאָן צו דעם דאָזיקן הויז,
וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים,
און וואָס איר פאַרזיכערט אייך אויף אים,
אַזוי ווי איך האָב געטאָן צו שילו."
(קאַפּיטעל 7 פּסוק 12—14).

אויב שוין יאָ קרבנות — טענה'עט דער נביא — דאַרף עס זיין מיט ריינער געטלעכער באהעפטונג, מיט דער טיפער התקרבות, אבער ניט קרבנות וואס זיינען אן אויסדרוק פון וואולגארער געצנדינעריי און פאַגאַניזם, פון וואוילטאג און פרעסעריי:

„לייגט צו אייערע בראנדאפער
צו אייערע שלאכטפעלדער,
און עסט זיך אָן מיט פלייש.

ווארום איך האָב ניט גערעדט מיט אייערע עלטערן
און זיי קיינמאָל ניט באפוילען
וועגן בראנדאפער און שלאכטאפער".
(קאפיטעל 7 פסוק 21—22).

א טיפע, ריינע, לויטערע און עטישע דערקענטעניש, וואָס וועבט זיך צונויף מיטן אייגענעם גייסט, מיט דער אייגענער נשמה, מיט דעם אייגענעם מהות און וועזן — אט אזוינס וויל גאט און נאר אזוינס באַגערט ער:

„בלויז דאָס דאָזיקע האָב איך אייך באפוילן
אזוי צו זאָגן: הערט צו מיין קול,
און איך וועל אייך זיין א גאָט,
און איר וועט מיר זיין א פאָלק:
איר זאָלט גיין אין וועג וואָס איך באפעל,
כדי אייך זאָל תמיד גוט זיין".
(קאפיטעל 7 פסוק 23).

דער נביא ווייסט פארויס, אז די אידען וועלן אט די דאָזיקע העכערע אידייען ניט אויפפאסן, צופיל זיינען די פעלקער דאמאָלס געווען פארטאָן אינם קרבנות־קולט און צו גרויס איז געווען זייער איינפלוס ער זאָל זיי קענען דערפון אוועקרייסען:

„און וועסט ריידן צו זיי מיינע ווערטער,
און זיי וועלן צו דיר ניט צוהערן:

דו וועסט רופן צו זיי,
און זיי וועלן ניט ענטפערן״.
(קאפיטעל 7 פסוק 27).

זייער עקשנות׳דיקע גלייכגילטיגקייט דערצאָרנט דעם נביא, און ווידער שטראָפט ער זיי און ווידער זאגט ער זיי פאָר חורבן און אונטערגאנג:

„די טוידטע לייבער פון דעם דאָזיקן פאָלק
וועלן זיין א שפייז פארן פויגל פון הימל,
און פאר דער חיה פון דער ערד.
איך וועל פארשטערן פון די שטעדט פון יהודה
און פון די גאסן פון ירושלים,
דעם קול פון לוסטיגקייט
און דעם קול פון פרייד,
דעם קול פון א חתן
און דעם קול פון א כלה —
א וויסטעניש וועט ווערן ס׳לאנד״.
(קאפיטעל 7 פסוק 33—34).

ירמיהו איז אבער מער ליריקער ווי שטראָפער. פון זיין גאנצן כעס און צארן דערהערט זיך דער ליריש־ווייכער מענש. פון טיפסטן קוואל פון מארטירערשאפט, דערהערט זיך דער הארצנסוויי איבער דעם בראָך פון זיין פאלק. אין זיין שטים הערט זיך מער ניט קיין שטראָף און בארעכטיגונג, נאָר טיפער וויטיק און טרויער:

„איך וועל מיך דערמונטערן אין קומער,
ווייל מיין הארץ איז מיר קראנק.

זע, א קול פון געשריי פון דער בת ציון
קומט פון א לאנד א וייטן:
איז גאָר גאָט ניטא אין ציון?
איז איר מלך ניטא אין איר?

איבער דעם בראָך פון בת ציון
בין איך צובראָכען;
פינסטער איז מיר —
א שרעק האָט מיך אָנגענומען.

איז קיין באלזאם ניטא אין גלעד?
איז גאָר קיין רופא דאָרטן ניטא?
פארוואָס קומט ניט קיין היילונג
צו דער טאָכטער פון מיין פאָלק?

ווער מאכט מיין קאָפּ ווי וואסער,
און מיין אויג א קוואל טרערן,
איך וואָלט באוויינען טאָג און נאכט
די דערשלאָגענע פון דער טאכטער פון מיין פאָלק!"
(קאפיטעל 8 פסוק 18—22).

דער נביא וועט מער ניט רעכטפארטיקן דעם משפט, נאָר וויינען און באדויערן:

„וועגן די בערג וועל איך אויפהויבן
א געוויין און א יאמער,
און וועגען די פיטער-פלעצער פון מדבר
א שרעקליכער קלאג,
ווארום זיי זיינען פארוויסט,
אז קיין מענש גייט ניט דורך,
און הערן ניט קיין קול פון פי;
דער פויגעל פון הימל ביז א בהמה
זיינען אלע אנטלאָפען, אלע אוועק".
(קאפיטעל 9 פסוק 9).

און ניט בלויז אליין קלאָגט דער נביא, נאָר ער רופט אויך די קלוגע פרויען אויפצוהויבען א געוויין:

קוקט זיך אום און רופט די קלאָגערס זיי זאָלן קומען,
און נאָך די קלוגע ווייבער שיקט זיי זאָלן קומען;
און זאָלן זיי איילן און אויפהויבן א יאָמער,
אז אונזערע אויגן זאָלן צוגיין אין טרערן,
און אונזערע ברעמען זאלן פליסן ווי וואסער.

וואָרום א יאמער הערט זיך פון ציון:
ווי, ווי פארוויסט מיר זיינען געווארן!
מיר זיינען פארשעמט ביז גאָר!

לערנט אייערע טעכטער צו יאָמערן,
און איינע די אנדערע צו קלאָגן,

ווארום דער טוידט איז אויפגעגאנגען
אין אונזערע פענסטער,
געקומען אין אונזערע פאלאצן,
צו פארשניידן א קינד פון דער גאס,
בחורים פון דעם מארק".

דער נביא האָט זיך צוגעהערט צום ווייטיק פון זיין הארץ און זיך געטרייסט: אפשר איז עס בלויז א קראנקהייט אזא, א חלישת הלב, וואָס וועט פארבייגיין. אָבער איצטער ווייסט ער שוין, אז עס קאָן נים פאראיבערגיין; דער חורבן איז שוין דאָ, ער קלאפט שוין אין טיר און טויער.

„ווי מיר אויף מיין בראָך!
שווער איז מיין וואונד!
און איך האָב נאָך געזאָגט:
א קראנקהייט אזא איז עס,
און וועל איר אריבערטראָגן.

מיין געצעלט איז פארוויסט,
מיינע שטריק זיינען צוריסן,

מיינע קינדער זיינען אוועק און ניטאָ,
ניטאָ ווער ס'זאָל אויסשפרייטן מיין געצעלט,
און ווער ס'זאָל ארויפציען מיינע פאָרהאנגען.

הארך, א שמיעה אָט קומט,
און א רעש פון צפון-לאנד,
צו מאכן פון יהודה א וויסטעניש,
א וואוינונג פאר שאקאלן".
(קאפיטעל 9 פסוק 16—20).

און אין גרוים רחמנות זעט ער מער ניט די זינד פון זיין פאָלק, זוכט מער ניט אויף זיי קיין שטראָף. זיי זיינען ניט שולדיק און פאר־דינען ניט די גרויסע לײדן, ווייל אזוי איז שוין דער מענשלעכער וועג שטענדיק צו זינדיקן.

„איך וויים, גאָט, אז ניט ביים מענש איז זיין וועג,
ניט ביים מענשן איז גייענדיק צו לענקען זיין טרים.

שטראָף מיך, גאָט, אָבער מיט גערעכטיגקייט,
ניט אין דיין צאָרן, כדי זאָלסט מיך ניט פארמינערן.

גים אוים דיין צאָרן אויף די פעלקער וואָס קענען דיך ניט,
און אויף די משפחות וואָס רופן ניט דיין נאָמען,
ווארום פארצערט האָבן זיי יעקב'ן,
יאָ, אים פארצערט און אים פארלענדט,
און זיין וואוינונג פארוויסט".
(קאפיטל 10 פסוק 19—25).

ניט צו זיין פאָלק האָט דער נביא איצטער זיינע טענות, נאָר צו גאָט דעם ריכטער פון גערעכטיגקייט:

„גערעכט וועסטו בלייבן, גאָט,
ווען איך זאָל זיך קריגן מיט דיר;

אַבער גערעכטיגקייט וויל איך רײדן צו דיר:
פאַרוואָס איז דער וועג פון רשעים מצליח?
פאַרוואָס לעבן רוהיק אַלע פאַלשע מענשן?
פאַרפלאַנצסט זיי און זיי וואַרצלען זיך איין,
גייען אויף און זייגען פרוכטבאַר;
נאָענט ביסטו אין זייער מויל,
און ווייט פון זייערע אויערן.

און דו, גאָט, קאָנסט דאָך מיך,
זעסט מיך און האָסט געפּרואווט מיין הארץ;

ביז וואַנען וועט טרויערן דאָס לאַנד,
און דאָס פעלד בלייבן פאַרטריקנט?"
(קאַפּיטעל 12 פּסוק 1—4).

און ער גלויבט אין גאָט׳ס גערעכטיגקייט און ווייסט, אז גאָט וועט זיך אָפּרעכענען מיט די אידישע באַדריקער, וועט זיך אין זיי נוקם זיין און באַשטראָפן:

„זע, איך רייס זיי אויס פון זייער ערד,
און דאָס הויז פון יהודה וועל איך אויסקנעמען פון זיי.

און עס וועט זיין:
איך וועל זיך ווידער דערבאַרעמען,
און אומקערן איטלעכען צו זיין נחלה,
און איטלעכן צו זיין לאַנד".
(קאַפּיטעל 12 פּסוק 14—15).

און ניט בלויז וועט דאָס אידישע לאַנד ווידעראַמאָל אויפגעריכט ווערן, נאָר דער איד אַליין וועט אויך דערהויבן ווערן, ווייל אַזוי איז געווען דער ערשטער צוזאָג פון גאָט.

„ווארום אזוי ווי דער גארטל איז באהעפט
צו די לענדן פון א מאן,
אזוי האָב איך מיך באהעפט מיטן הויז פון ישראל".
(קאפיטעל 13 פסוק 14).

דאס וועט אלץ זיין אמאָל, אין די שפעטערדיקע צייטן, איצטער אבער? איצטער זעהט ער בלויז סמנים פון חורבן און אונטערגאנג. דער נביא האָט א נייע זעאונג: גאָט הייסט אים זיך קויפן א פלאקסענעם גארטל און אים באהאלטן אין א פעלזיקן שפאלט אויף א לענגערע צייט. דערנאָך הייסט אים גאָט צוריק ארויסנעמען דעם גארטל, ערשט „דער גארטל איז געווען פארדאָרבן און ניט געטויגט צו קיין זאך". האָט אים גאָט געזאָגט:

„אזוי וועל איך פארדארבן דעם שטאָלץ פון יהודה
און דעם שטאָלץ פון דער גרויסער ירושלים.

דאָס דאָזיקע פאָלק וואס וויל ניט הערן מיינע רייד,
וואָס גייט אין דער איינגעשפארטקייט פון הארצן
נאָך פרעמדע געטער זיי צו דינען און זיך צו בוקן,
וועלן ווערן ווי דער גארטל וואס טויג צו קיין זאך".
(קאפיטעל 13 פסוק 9—10).

און ווען דער נביא וויל אין זיין גרויסן רחמנות תפילה טאָן, באַפעלט אים גאָט אזוינס ניט צו טאָן:

„און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
זאָלסט ניט מתפלל זיין פארן דאָזיקן פאלק.

אז זיי פאסטן, הער איך ניט זייער געשריי,
אז זיי ברענגען קרבנות, באוויליק איך ניט;
מיטן שווערד, הונגער און מגפה
וועל איך זיי אלעמען פארלענדן".
(קאפיטעל 12 פסוק 11—12).

און ווען דער נביא דערהערט, אז אלע שערי רחמים האָבן זיך פאַר־שלאָסן, אז אפילו די תפילות פון משה און שמואל וואלטן מער ניט העלפן, ברעכט ער אוים אין א געוויין און זינגט זיין גרוים קלאָג־ליד:

„ווער וועט דיך דערבאַרעמען, ירושלים,
און ווער וועט דיך באַדויערן?

וויי מיר, מוטער מיינע,
וואָס דו האָסט מיך געבוירן".

(קאפיטעל 15 פסוק 5 און 10).

און קלאָגענדיק איבערן חורבן פון זיין פאלק, וויינט אים ס'הארץ אויך איבער זיין אייגענעם מצב:

„דו גאָט ווייסט דאָך,
טאָ דערמאָן זיך אָן מיר,
זיי זיך נוקם אָן מיינע פאַרפאָלגער.

ווי דיינע ווערטער זיינען געפונען געווארן,
אזוי האָב איך זיי איינגעשלונגען;
דיין וואָרט איז פאַר מיר געווען א פרייד,
און א שמחה פאַר מיין הארצן.

איך בין ניט געזעסן אין געזעמל פון פריילעכע,
און זיך קיינמאָל ניט לוסטיק געמאכט:
צוליב דיר, גאָט, בין איך געזעסן אליין,
וואָרום מיט צאָרן האָסטו מיך אָנגעפילט.

טאָ פאַרוואָס איז אייביק מיין ווייטיק,
און מיין וואונד וויל זיך ניט היילן?
ווילסטו מיר זיין ווי א טייך א פאַלשער,
ווי וואסערן אומגעטרייע?"

(קאפיטעל 15 פסוק 15—18).

און ווידער האָט איהם גאָט באפוילן ניט צו קלאָגן און ניט צו וויינען:

„אזוי האָט גאָט געזאָגט:
זאָלסט ניט קומען אין הויז פון יאמער,
און זאָלסט ניט גיין באקלאָגן,
און זאָלסט זיי ניט באדויערן,
וואָרום איך האָב אוועקגענומען דעם שלום,
דעם חסד און דעם רחמנות".

און ווידער שטארקט זיך אין אים דער גלויבן:

גאָט מיין פעסטיגקייט און פעסטונג,
און מיין אנטרינונג אין טאָג פון נויט".
(קאפיטל 16 פסוק 19).

ניט בלויז איז זיין אמונה איצטער שטארק, נאר ער איז אויך מצדיק את הדין:

„פארשאָלטן איז דער מענש,
וואָס פארזיכערט זיך אויף א מענשן,
און מאכט פלייש זיין אָנהאלט,
און פון גאָט קערט זיך זיין הארץ.

ער וועט זיין ווי א טאמאריסק אין מדבר,
און וועט זען ווען עס קומט גוטס.

געבענשט איז דער מענש,
וואָס פארזיכערט זיך אויף גאָט.
ער וועט זיין ווי א בוים
געפלאנצט ביים וואסער,
מערקט ניט די ברענענדיקע היץ,
און זיין בלאט איז תמיד גרין,
אין א יאָר פון טרוקעניש, זאָרגט ער ניט,
און הערט ניט אויף ברענגען פרוכט.

פאַרדרייטער פון אַלץ איז דאָס האַרץ,
און שוואַך איז עס — ווער קאָן עס פאַרשטיין?

איך, גאָט, טו פאָרשן דאָס האַרץ,
און טו פּרואוון די נירן,
כדי איטלעכן צו געבן ווערדליק זיינע וועגן,
איטלעכן ווערדליק די פּרוכט פון זיינע מעשים.

א פעלד־הון וואָס בריט אויף אן איי
וואָס זי האָט ניט געלייגט,
איז דער וואָס מאַכט אן עשירות
ניט מיט גערעכטיגקייט:
אין מיטן פון זיינע טעג
וועט ער עס פאַרלירן,
און אין סוף פון זיינע טעג
וועט ער פאַרבלייבן א מנול".

(קאפיטעל 17 פסוק 5—11).

דעם נביא ווילט זיך באין אופן ניט גלויבן, אז די וועלט וועט תמיד זיין א פאַרדאָרבענע און ניט איינזען דעם לויטערן געדאַנק פון דער געטלעכקייט און איר גערעכטיגקייט. דאָ פאַסט ער ווידעראַמאָל אויף דעם רעיון פון אן איבערבלייב וואָס וועט חוזר בתשובה זיין און ער זעט א נייע וויזיע:

גאָט הייסט אים גיין צו א טעפּער, און ער זעט דאָרטן ווי דער טעפּער אַרבייט אויפן ווערקשטיין, קנעט אויס פון ליים א כלי און ווען זי געפעלט אים ניט, קנעט ער איר איבער און מאַכט א נייע כלי.

„זעט, ווי ליים אין דער האַנט פון טעפּער
זענט איר אין מיין האַנט, הויז פון ישראל

איין רגע רייד איך אויף א פאָלק און אויף א מלוכה
אויסצורייסן, איינצעוואַרפן און אונטערצוברעכן;

אָבער אז דאָס פאָלק קערט זיך אום פון זיין שלעכטס,
האָב איך חרטה אויף דעם בייז וואס איך האָב
געטראכט".
(קאפיטעל 18 פסוק 5—8).

א נייע וואונד האָט זיך איצטער צעבלאָזן אינם נביא'ס הארץ. אחוץ זיינע אייגענע אינערלעכע ווייטאָקן און ראנגלענישן, האָט זיך אויך אנטפלעקט דער טיפער אָפּגרונט צווישן אים און זיין פאָלק. ירמיהו איז געקומען צו דער נבואה דורך דער ליבשאפט צו זיין פאָלק. אויף דעם דאָזיקן מזבח פון ליבע האָט ער מקריב געווען זיין אייגן הארץ, פארלאָזן די רואיגקייט פון זיין היים און שטאָדט און אוועק ווירקן אויף זיין פאָלק, ראטעווען פון אים וויפיל עס לאָזט זיך, און דאָס פאָלק האָט נאָר פיינט און פאראכטעט אים.

ירמיהו איז פול מיט צאָרן און שטראָף, פול מיט פארניכטונג און פארוויסטונג. און דאָס פאָלק וויל ניט און קאָן ניט דערזען ווי א גרויסער קוואל פון ליבשאפט שטראָמט ארויס פון זיין הארץ. דאָס פאָלק הערט בלויז זיין שלעכטע נבואה, און קריגט אים פיינט, האסט אים עד לחרמה. ירמיהו ווערט אין זייערע אויגן דער פאָלקס־פיינט, וואָס זוכט אויף זיי שלעכטס און זיי פארפאָלגן אים, פייניקן אים און שלאָגן אים, ווארפן אים אריין אין א פינסטערן גרוב און פארמשפט'ן אים צום טוידט.

וויינט זיין הארץ אויף דעם דאָזיקן בראָך זיינעם :

„יאָ, זיי האָבן געזאָגט :
קומט נאמיר אויסטראכטן תחבולות קעגן ירמיהו'ן ;
ווארום די תורה וועט ניט אונטערגיין פון דעם כהן,
און די עצה פונם חכם, און דאָס וואָרט פונם נביא.
קומט נאמיר אים שלאָגן מיט דער צונג,
און ניט פארנעמען אלע זיינע רייד.

פארנעם דו, גאָט מיינער,
די רייד פון מיינע קריגער,

זאָל פאר א טובה א רעה באצאָלט ווערן ?
זיי האָבן געבראָכן א גרוב פאר מיין לעבן.

געדענק מיין שטיין פאר דיר,
צו ריידן גוטס אויף זיי,
אָפּצוקערן דיין כעס אויף זיי.

דערפאר גיב זייערע קינדער צום הונגער,
און שליידער זיי אין דער מאכט פון שווערד ;
זאָלן זייערע ווייבער בלייבן אלמנות,
און זייערע מענער הרוגים פון מגפות.

זאָל זיך הערען א געשריי פון זייערע הייזער,
ווען דו וועסט ברענגען אויף זיי א מחנה :
ווארום זיי האָבן געגראָבן א גרוב מיך צו פאנגען,
און אויסגעלייגט נעצן אונטער מיינע פיס.

און דו, גאָט, ווייסט דאָך גוט
זייער גאנצער באראט מיך צו טוידטן :
ניט פארגעבן זאָלסטו זייערע זינד.
זאָלן זיי געשטרויכלט ווערן פאר דיר,
און אין צאָרן רעכן זיך מיט זיי".
(קאפיטל 18 פסוק 18—23)

ירמיהו האָט זיך פאר זיינע פיינט ניט דערשראָקן. ער האָט געהאט אויף זיך א מיסיע, וואָס גאָט אליין האָט זי אים געגעבן. האָט ער זיך אוועקגעשטעלט פאר די אויגן פון די עלטערע כהנים מיט א קרוג אין האנט און צו זיי געזאָגט :

„אזוי ווי מען צוברעכט א כלי פון א טעפּער,
אז זי קאָן מער ניט פארריכט ווערן.

אזוי וועל איך טאָן צו דעם דאָזיקן אָרט,
און צו אלע זיינע איינוואוינער.

(קאפיטעל 19 פסוק 10—12).

פשחור דער אויבעראויפזעער פון בית המקדש האט ירמיהו'ן גע־שלאָגן און אים נאך אריינגעשטעלט אין צוואנג־קלאָץ וואס אין אויבערשטן טויער. ווען ער איז באפרייט געווארען, האט ירמיהו דעם שלעגער פארשאָלטן:

„דו, פשחור, און אלע פון דיין הויז,
וועלן גיין אין געפאנגשאפט,
קיין בבל וועסטו קומען,
און דאָרטן וועסטו באגראָבן ווערן,
דו און אלע דיינע ליבהאָבער
וועמען דו האָסטו פאלש נבואה געזאָגט.

איך בין געווען צו שפּאָט א גאנצען טאָג,
איטליכער האָט געלאכט פון מיר.

ווארום ווען נאָר איך רייד, שריי איך:
„אומרעכט און רויב!”
דאָס וואָרט פון גאָט איז מיר געווארן
צו שאנד און לעסטערונג.

„איך האָב געזאגט: איך וועל גאָט ניט דערמאָנען,
און וועל מער ניט ריידן אין זיין נאָמען;
אָבער ס'איז אין מיין הארצן ווי א ברענענדיק פייער
איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער;
איך מאטער זיך עס איינצוהאלטן,
אָבער איך קאָן נים.

איך האָב געהערט די בייזע רייד,
א שרעק ארום און ארום:

„מסר׳ט און נאָמיר אים מסר׳ן!"
אלע מיינע גוטע פריינט
לויערן אויף מיין בראָך:
אפשר וועט ער פארנארט ווערן,
און מיר וועלן אים בייקומען,
און נעמען אונזער נקמה.

אָבער גאָט איז מיט מיר ווי א גיבור א מעכטיקער,
און מיינע נאָכיאָגער וועלן געשטרויכלט ווערן
און וועלן גאָרניט אויספירן;
זיי ווערן פארשעמט ווייל זיי האָבן ניט באגליקט—
אן אייביקע שאנד וואָס וועט ניט פארגעסן ווערען".
(קאפיטעל 20 פסוק 6—11).

דער נביא איז זיכער, אז גאט איז מיט אים און וועט אים תמיד מציל זיין פון די שונאים׳ס הענט. דאך האָט ער קיין כח ניט אריבערצו־טראגען אזוי פיעל ליידען, און פארשעלט דעריבער דעם טאג פון זיין געבוירן:

„פארשאָלטן זאָל זיין דער טאָג
וואָס איך בין אין אים געבוירן!
דער טאָג וואָס מיין מוטער האָט מיך געבאָרן
זאָל זיין ניט געבענשט!

פארשאָלטן דער מענש וואָס האָט מיין טאטן
די בשורה געבראכט אזוי צו זאָגען:
א אינגל איז דיר געבאָרן;
דערפרייט האָט ער אים!

פארוואָס בין איך ניט געטוידט געווארן
מיין מוטער זאָל זיין מיין קבר?

נאָך וואָס בין איך פון טראכט ארוים
צו זען מאטערניש און קומער,
און אויסגיין אין שאנד זאָל מיין לעבען?״
(קאפיטעל 20 פסוק 14—18).

די נבואה פון ירמיהו׳ן האָט זיך אין מיטן פון זיין ווירקונג אי־בערנעריסן. די סכנה מצד די סקיטען, מיט וועמען דער נביא האָט די אידן אזוי שטאַרק געשראָקן, איז געווען לגמרי פאראיבער. זייערע אר־מייען האָבן זיך אומגעקערט צוריק אהיים ניט באַרירענדיק דעם לאנד יהודה. די מורא ירמיהו׳ס איז דאריבער, געווען אן אומבאגרינדעטע, און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים ווי אויף א פאלשן נביא וועמענס נבואה ווערט קיינמאָל ניט מקויים.

בערך צען יאר האָט ירמיהו געשוויגן. וואס האט ער געטאָן אין די אַלע יארן? האָט ער זיך באַטייליקט אין די רעפאָרמען פון יאשיהו, אדער איז געבליבן אַ זייטיקער צוקוקער? — אינם גאנצן ספר ירמיהו קאָן מען ניט געפינען קיין וואָרט וואס מען זאָל קאָנען צושרייבן צו די דאָזיקע צען יאר. קאָנטיק אבער אז ירמיהו איז ווייט ניט צופרידן געווען מיט די רעפאָרמען. ירמיהו איז געווען אן עקסטרעמיסט, און איז קיין מאָל ניט איינגעגאנגען אויף קאָמפראָמיסן.

ווערליק דער טראדיציע האט חלקיהו דער עלטסטער כהן פון ירושלים געפונען אין בית המקדש א ספר תורה וואָס האָט אנטהאלטן דעם ספר דברים, און ווען דער אינהאלט איז איבערגעלייענט געווארן פארן קעניג יאשיהו האָט ער צעריסן זיינע קליידער און געשיקט זאגן די נביאים אזוי:

„גייט און בעט גאט יהוה פאר מיר, פארן פאלק און פארן גאנצן לאנד יהודה וועגן דעם געפונענעם ספר, ווייל גרוים איז גאט׳ס צאָרן וואס האָט זיך אָנגעצונדן אויף אונז דערפאר וואס אונזערע עלטערן האבן ניט געהערט די רייד פון דעם דאָזיקן ספר און ניט געטאָן וואָס אין אים שטייט געשריבן״.

יאשיהו איז דערצווינגן געווארן אין ליבעראַלן גייסט, און אין זיין צייט האָט זיך געשטארקט די רעפארם באוועגונג, וואָס האט זיך נאָך פריער, בימי ישעיהו, אָנגעהויבן. קאָנמיק, אז די דאָזיקע באוועגונג איז

שפּעטער געוואָרן די רעגירונגס־פּאַרטיי און איז געווען אונטער דער פי־רונג פון חלקיהו דעם עלטסטן כהן, שפן דעם קעניגליכן שרייבער און חולדה הנביאה, די פרוי פונם קעניגליכן קליידער־היטער.

צי עס איז געווען אויפן יסוד פון דער געפונענער ספר תורה, צי עס איז געווען דער דראַנג פון דער באַפּעסטיקטער רעפאָרם־פּאַרטיי, איז איצטער איינגעפירט געוואָרן אַזוינס וואָס איז קיינמאָל פריער ניט פּראַק־טיצירט געוואָרן. קודם כל האָט מען צוגענומען ביים קעניג די געזעצגע־בערישע מאַכט. דער געזעצגעבער איז ניט דער קעניג. נאָר יהוה וועלכער אַנטפּלעקט זיין ווילן דורך די נביאים און דורך די שריפטן פון דער תורה. חוץ לזה טאָר דער קעניג מעהר ניט האָבן צופיל פערד, ניט נעמען זיך צופיל פרויען און ניט אָנזאַמלען צופיל גאָלד און זילבער.

„און ווען דער קעניג וועט זיך זעצן אויפ'ן טראָן, זאָל ער זיך לאָזן קאָפּירן אַ ספר תורה, וואָס זאָל תמיד זיין מיט אים. ער זאָל זיי לייענען זיין גאַנצן לעבן, און זאָל זיך געוואוינען מורא צו האָבן פאַר גאָט, היטן אַלע רייד פון דער דאָזיקער לערע און דערפילן אַלע געזעצן. זיין האַרץ זאָל זיך ניט דערהויבן איבער זיינע ברידער, ער זאָל ניט אָפּקערן פון דעם געבאָט רעכטס אָדער לינקס, כדי ער זאָל האָבן לאַנגע יאָר — ער, זיינע קינדער, זיין מלוכה און אַלע קינדער פון ישראל".

אויך חולדה הנביאה האָט געקוקט סקעפּטיש אויף דער נייער רע־פאָרם. קאָנטיק, אַז אויך זי, פּונקט ווי ירמיהו, האָט מער ניט געגלויבט אַז די רעפאָרם וועט באמת ענדערן דעם לעבנסשטייגער. ראַטעווען דעם לאַנד האָט עס זיכער ניט געקענט, ווייל יהודה איז שוין געווען פאַר־אורטיילט. חולדה האָט בלויז דעם גוט־מיינענדיקן קעניג געטרייסט, אַז דער־פאַר וואָס ער איז אַזוי געטריי צו גאָט, וועט ער בשלום געבראַכט ווערן צום קבר פון זיינע עלטערן.

די נייע רעפאָרמאַטאָרישע איינפירונגען און די פאַרשטאַרקטע פרומקייט אין לאַנד האָט געמאַכט אַלעמען גלויבן, אַז דאָס דאָזיקע וועט אַלץ מכפּר זיין און אַז גאָט וועט פון איצטער אָן זיי שוין קומען צו הילף, בפרט אַז דער בית המקדש איז אויסגערייניקט געוואָרן פון יעדער געצנ־דינסט און די עבודה איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן אין גייסט פון דער תורה. אויך חולדה הנביאה האָט, קאָנטיק, טיילווייז געהאַט דעם דאָזיקן גלויבן, און דערפאַר האָט זי עס פאַרזיכערט דעם גוטן קעניג אויסצולעבן רואיק זיינע יאָרן.

חולדה'ס נבואה איז אבער ניט מקוים געווארען. אשור איז טאקע שוין געווען פאקטיש אן אפגעשטארבענע, די סקיטן זיינען געווען גאנץ ווייט אוועק, מצרים האט אבער נאך געלעבט און נאך יארן פון פאליטישער שוואכקייט זיך ווידער פארמאסטן צו ווערן א וועלט־מאכט.

די תורה האט פארזאגט תמיד צו געדענקען, אז מיר זיינען געווען קנעכט אין מצרים. דער קעניג איז אויך פארזאגט געווארן ניט צו האלטן פיל פערד, כדי ער זאל ניט אומקערן צוריק דאס פאלק אין מצרים. האט יאשיהו זיך געהאלטן פיינטלעך צו מצרים'ס איצטיקע אספיראציעס, און זיי פארשטעלט דעם וועג. א מלחמה האט אויסגעבראכן, און יאשיהו איז געפאלען אין שלאכט.

יהואחז זיין זון איז געווארן קעניג, און זיך פעסט געהאלטן אן זיין פאטער'ס קעגנערישקייט צו מצרים. זיין ברודער אליקים האט אים אבער פאררעטן צו די מצריים, און ער איז פארטריבן געווארן אין גלות פון וואנען ער האט זיך מער ניט צוריקגעקערט. אליקים איז דורך די מצריים ארויפגעזעצט געווארען אויף זיין ארט.

די מלחמה מיט מצרים, און דער ארונטערפאלן אונטער איר הער־שאפט ,האט אויף ירמיהו'ן ניט געמאכט קיין איינדרוק. דער נביא האט אין זיין וויזיע קלאר געזען, אז ניט פון מצרים לויערט די סכנה. מצרים איז בלויז א צייטווייליקע מכה, וואס וועט לאנג ניט אנהאלטן. די דאזיקע פאסירונג איז ניט געווען קריטיש גענוג אין אים צוריק צו דערוועקן דעם גייסט פון נבואה. וועגן דער דאזיקער תקופה זיינען פון אים פאראן בלויז געציילטע רייד: א קלאג ליד איבער דעם יונגן יהואחז, וועלכער איז פארטריבן געווארן אין מצרים און א שארפע אנקלאגע קעגן זיין ברודער יהויקים, וועלכער האט פון אים אוועקגענומען דעם טראן בלויז דורכן חסד פון פרעה.

די קינה אויף יהואחז'ן איז א קורצע אבער זער א הארציקע, און ווארפט א בליק אויפן נביא אליין. יאשיהו און זיינע רעפארמען האבן דעם נביא ניט איבעריק צופרידענגעשטעלט, אבער ער איז אים געווען ליב און נאענט און אים אפט באנוצט פאר א סימבאל פון א גערעכטן מלך. דאך קלאגט ער ניט אויף זיין טראגישן טוידט, נאר אויפן שיקזאל פון זיין יונגן זון. ניט דער טוידט, ווי טראגיש ער זאל ניט אויסזען, איז מורא'דיק און שרעקלעך, נאר דער פארטריבן ווערן, דער זיך ניט קענען מער צוריק־

קערן אינם איינענעם לאנד, בלויז אויף אזא אומגליק דארף מען קלאָגן און וויינען.

„איר זאָלט ניט וויינען אויפן טוידטן,
און אים ניט באַדויערן;
וויינען זאָלט איר אויף דעם וואָס גייט אוועק,
ווארום ער וועט זיך מער ניט אומקערן
צו זען דאָס לאנד פון זיין געבורט".
(קאפיטעל 22 פסוק 10).

ווי גרויס עס איז זיין רחמנות אויפן יונגן קעניג וואס איז פאר־טריבן געווארן פון זיין היים, איז נאך גרעסער זיין פיינטשאפט צו יהויקים. ער קאן אים באין אופן ניט מוחל זיין, וואס ער האָט אנגענומען די מלוכה פון פרעה'ס האנט, די מערדערישע האנט וואס האט געטוידט זיין טאטן און פארטריבן זיין ברודער.

אויך דאס פאלק האָט פיינט געהאט יהויקים, און דערפאר האָבן זיי נאָך פריער אויסגעקליבן דעם אינגערן זון, פאר א מלך. יהויקים האָט זיך געוואָלט אויספיינן פאר די אויגן פון פאָלק און ווייזן זיין שטארקייט און גרויסקייט, האט ער דעמאלט ווען דאס גאנצע פאָלק איז געווען אין גרויס טרויער אָנגעהויבן מיט דער הילף פון פרעה זיך אויפצובויען א הערלעכן פאלאַץ, און דערוויל ארויפגעלייגט אויף אלעמען שווערע צינזן. דאמאָלט האָט ירמיהו ווידער געלאזט הערן זיין שטים:

„ווי דעם וואָס בויט זיין הויז מיט אומערלעכקייט,
און זיינע אויבערשטיבן מיט אומרעכט;
וואָס ארבעט מיט זיין חבר אומזיסט,
און גיט אים ניט זיין לוין:

וואָס זאָגט:
איך וועל מיר אויפבויען א גרויס הויז,
און אויבערשטיבלעך געראמע;
און ער שניידט זיך אויס פענסטער,

און ער באדעקט עם מיט צעדערן,
און באשמירט עם מיט פארבן.

(קאפיטעל 22 פסוק 12—14).

און מיט סארקאזם פרעגט אים דער נביא:

„ווילסטו קיניגן, ווייל דו פארמעסט זיך מיט צעדערן?
דיין פאָטער, אמת, האָט געגעסן און געטרונקען,
אָבער ער האָט געטאן גערעכטיגקייט,
און דערפאר איז אים גוט געווען.

ער האָט געמשפט גערעכט דעם ארימאן,
דערפאר איז אים געווען גוט.
אָבער דיינע אויגן און דיין הארץ
זיינען ניט מער ווי אויף צו געווינען,
און אויף אומשולדיק בלוט צו פארגיסן,
און אויף רויב און באדריקונג צו באגיין".

(קאפיטעל 22 פסוק 17—18).

און אזוי גרויס איז געווען דעם נביא'ס צאָרן, אז ער האָט אויף אים ארויסגעזאגט א מורא'דיקע קללה:

„מ'וועט ניט קלאָגן אויף אים:
ווי האר, ווי זיין גלאנץ.

ווי אן אייזל וועט ער באגראָבן ווערן,
געשלעפט און אוועקגעווארפן,
אוועק פון די טויערן פון ירושלים".

(קאפיטעל 22 פסוק 18—19).

ניט באגראָבן צו ווערן אין קבר פון די עלטערן, איז געווען די שרעקלעכסטע קללה וואָס דער פארצייטיקער איד האט געוואוסט. אין דער שטאָלצער, אפענער רעדע, וואס איז אנגעזאפט מיט אינווייניקסטער פאר־

ביטערונג, ווייזט דער נביא אָן אויף אַן אויסוועג: טאָן גוטס און באַזייטיקען יעדע אומגערעכטיגקייט.

יהויקים איז אבער ניט געווען פון דעם דאזיקן מין, וואס זאל זיך צוהערן צו אזעלכע נאָבעלע רייד. דער נביא גיסט דאַריבער אויס זיין ווייטערדיקן צאָרן אויף אים:

„איך האָב גערעדט צו דיר אין דיין שלוה,
האָסט געזאָגט: איך וויל ניט הערן;
דאָס איז דיין וועג פון דער יוגנט אָן,
אז דו הערסט ניט מיין ווארנונג.

אלע דיינע פיטערער וועט פיטערן דעם ווינט,
און דיינע ליבהאָבער וועלן אין געפאנגשאפט גיין;
ערשט דאמאָלט וועסטו זיך שעמען און צו שאנד ווערן
צוליב דיינע גאָר די שלעכטסקייטן.

דו באוואוינער פון לבנון,
דו באדעקטער מיט צעדערן,
ווי באַ׳חנ׳ט וועסטו זיין
ווען אויף דיר וועלן קומען ווייען,
און ווייטאָקן ווי ביי אַ געווינערין!"
(קאפיטל 22, פסוק 21—23)

און נאָך ביטערער איז געווען זיין כעס אויף די פילע פאלשע נביאים, וועלכע האָבן זיך אויף דער דערמוטיגונג פון יהויקים געמערט אין לאנד:

„אזוי האָט געזאגט גאָט פון צבאות:
איר זאָלט ניט הערן די רייד פון די נביאים;
זיי פארנארישן אייך, און זייער זעאונג
איז ניט פון גאָט׳ס מויל.

זיי זאָגן צו די וואס פאראכטן מיך:
גאָט האָט גערעדט, און איר וועט האָבן הארץ,
און יעדן וואָס גייט נאָך זיין שלעכטס הארץ,
זאָגן זיי: אויף אייך וועט קיין בייז ניט קומען.

אָבער ווער איז געשטאנען אינם סוד פון גאָט,
אז ער זאָל מערקן און הערן זיין וואָרט?
ווער האָט פארנומען זיין ווארט און זיך צוגעהערט?

זע, א שטורם פון גאָט, א גרימצאָרן איז ארויס—
אויף די קעפּ פון די רשעים וועט ער פאלן.

איך האָב ניט געשיקט די נביאים,
און זיי זיינען געלאָפן:
איך האָב ניט גערעדט צו זיי,
און זיי האָבן נביאות געזאגט.

ביז וואנען נאָך?
איז דען גאָט אין הארצן פון די נביאי השקר
און נביאים וועמענס הארץ איז מיט באטרוג?

טראכטן זיי באמת צו מאכן מיין נאָמען פארגעסן
מיט די חלומות וואס זיי דערציילן זיך,
ווי זייערע עלטערן האָבן מיך פארגעסן דורכן בעל?

דער נביא וואָס חלומט א חלום,
זאָל דערציילן בלויז א חלום,
און דער וואָס מיין וואָרט איז מיט אים,
זאָל ריידן מיין וואָרט ווארהאפטיק.
וואָס פאר א שייכות האָט שטרוי צו קאָרן?

זע, איך קום אויף די נביאים, זאָגט גאָט,
וואָס גנבענען מיינע רייד איינער פון אנדערן.

איך קום אויף די וואָס זאָגן נביאות דורך פאלשע חלומות,
און דערציילן זיי און פארפירן מיין פאָלק
מיט זייערע שקרים און מיט זייערע פאלשקייטן,
ווען איך האָב זיי ניט געשיקט און ניט באפוילן.

איך וועל אייך רייסנדיק אומרייסן,
און אייך אוועקוואַרפן פון מיין פנים
און ברייגנען חרפה און אייביקע שאנד".
(קאפיטעל 23 פסוק 16—40).

יהויקים האט ביסלעכוויז אונטערגעבראַכט די ריינע אמונה אין לאנד און ווידער איינגעפירט דעם נידריקן געצנדינסט. דעם מאָל האָט ער פון מצרים אימפּאָרטירט א נייע געטשקע מיטן נאָמען געיט, די קעניגין פון הימל, און נאך איר האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכשלעפּן אלע איבריקע אָפּ־געטער. דער הונגעריקער גאָט מולך, וועלכער פאדערט מען זאל פאר אים פארברענגען קליינע אומשולדיגע נפשות, איז געווארן דער סאמער פּאָפּולערסטער צווישן די אָפּגעטער.

די עטליכע נביאים, ירמיהו, אוריהו, חבקוק און יחזקאל, האָבן מיט אלע זייערע כחות געקעמפט קעגן דער דאָזיקער דערנידערונג, אבער זיי זיינען געשטערט געווארען פון דער גרויסער צאָל פאַלשע כהנים און נביאים, וועלכע זיינען געווען געשטיצט פון דער רעגירונג. צו פארנאַרן דעם ברייטן עולם.

ירמיהו האָט זיך אוועקגעשטעלט אין הויף פון בית המקדש פאר די אויגן פון די כהנים, נביאים און דעם גאנצן פאלק, און זיי געווארנט אז אויב זיי וועלן ניט צוהערן די רייד פון גאָט וועט דער בית המקדש חרוב ווערן און די שטאָדט וועט זיין אן אייביקע קללה פאר אלע פעלקער. זיינען אלע ארויסגעטראַטן קעגן דעם נביא, און אים געוואלט טוידטן. צום גליק זיינען געווען א סך צווישן די הויפליים און מקורבים למלכות, וואָס האָבן געגלויבט אינם נביא'ס רייד און זיי האָבן מיט פארשידענע תחבולות און ארגומענטאציעס אפגעראטעוועט דעם נביא.

„האָבן די שרים און דאָס פאָלק געזאָגט צו די כהנים און צו די נביאים: דעם דאָזיקן מאַן קומט ניט קיין טוידט־שטראָף, ווארום אין נאָמען פון יהוה אונזער גאָט האט ער גערעדט צו אונז. און מענער פון די עלטסטע פון לאַנד זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן געזאָגט צו דער גאַנצער איינזאמלונג: מיכה פון מורשת פלעגט נביאות זאגן אין די טעג פון חזקיה דעם מלך פון יהודה, און האט געזאגט צום גאַנצן פאָלק אזוי צו זאָגען:

אזוי האָט געזאגט גאָט פון צבאות:
ציון וועט ווי א פעלד צעאקערט ווערן,
און ירושלים וועט ווי הויפנס ווערן,
און דער בארג פון גאָט ווי א וואלד

האָט אים דען דער מלך חזקיהו געטוידט? ער האט מורא געהאט פאר גאָט, געבעטן ביי גאָט רחמנות צו האָבן, און גאָט האט חרטה גע־האט; מיר אבער טוען זיך אליין א גרוים בייז".

(קאפיטעל 26 פסוק 7—19).

טראַגישער איז אבער געווען דער שיקזאַל פונם נביא אוריהו דער זון פון שמעיהו פון קרית עירים. אויך ער האָט נביאות געזאגט אויפן סוף פון בית המקדש, און אויך אים האָט מען געזוכט צו טוידטן. אוריהו האט מורא געקראָגן און אַנטלאָפן קיין מצרים. איז מען אים אבער נאכגעלאָפן און אים געבראכט פארן קעניג יהויקים, וועלכער האט אים מיט דער איי־גענער שווערד דערשטאָכן.

בינו לבינו זיינען אין דער גרויסער וועלט פארגעקומען געוואל־דיקע ענדערונגען. די מלכים פון מדי און בבל זיינען אנגעפאלן אויף אשור און פון איר געמאכט א תל עולם. די הויפטשטאָדט נגוה איז אפ־געגומען געווארן, און די איבריקע לענדער וועלכע זיינען ביז דאמאָלס גע־ווען אונטערן יאָך פון אשור, האָבן זיי צווישן זיך צעטיילט. די נבואה וואס צפניה און נחום האָבן פאראויסגעזאגט, איז פאלשטענדיק מקויים געוואָרן.

די דאָזיקע נייע גרוים מאכט איז אבער ניט געפעלן דעם מלך פון מצרים, און נכה מלך מצרים האָט זיך פארמאָסטן אין א גאר גרויסער

מלחמה, וואָס ער האָט אויך מיאוס פארלאָרן. יהויקים האָט זיך איצטער דערפילט דערהויבן, און זיך אָנגעהויבן איינריידן אז ער איז א צווייטער שלמה המלך. ער האָט פארשקלאַפּט די גרויסע מאסן פון פאָלק און זיי געצוואונגען אים בויען הייזער און פּאַלאַצן. דער נביא הבקוק האָט וועגן דער דאָזיקער שקלאַפעריי געזאָגט, אז „יעדער שטיין, יעדעס שפּענדל שרייט פון בלוט און אומגערעכטיגקייט".

בבל איז נישט געווען צופרידן מיט דעם קליינעם זיג וואָס זי האָט געהאַט איבער מצרים. זי האָט איצטער געוואָלט ווערן די גרעסטע וועלט־מאַכט, און מצרים איז איר געשטאַנען אין וועג. בבל האָט זיך טאַקע נאָר גיך א רוק געטאָן אויף מצרים. און יהודה איז דאַדורך געבליבן אין א פארצווייפעלטער לאַגע. בבל האָט געמוזט דורכקרייצן יהודה כדי צו־צוקומען צו מצרים, און האָט דעריבער געפאָדערט יהודה זאָל זיך פריי־וויליק אונטערגעבן. מצרים האָט אָבער געסטראַשעט און געוואָרנט באַין אופן זיך נישט אונטערצוגעבן.

יהויקים האָט זיך אָריענטירט אויף דער פּאָליטיק פון מצרים, און געמיינט אז ער וועט שוין זיצן פעסט אין זאָטל. ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון פרעה, און געהאַט אין יעדער אונטערנעמונג מצרים'ס מיט־ווירקונג. אַלץ האָט אים אויסגעזען גוט און פיין, אָבער דעם נביא'ס קללה האָט אויף אים געשוועבט און זיין טראַגישער סוף האָט זיך צו־גערוקט מיט גיכע טריט.

אין יהודה איז אַנטשטאַנען די העכסט טראַגישע תקופה אין איר פּאָליטישער געשיכטע, וואָס האָט אויך דערפירט צו איר פולשטענדיקן חורבן. בבל האָט זיך מיט גרויס ענערגיע ארויפגעוואָרפן אויף די מערב פּראָווינצן נישט צו דערלאָזן מצרים זיי פארכאַפּן. די באַגעגעניש פון די צוויי שטאַרק מלוכות האָט באַדאַרפט פארקומען אויפן באָדן פונם קליינעם יהודה, און דאָס דאָזיקע האָט ארויסגערופן גרויס צעטומלעניש. מ'האָט אויך אויפגעוועקט ירמיהו'ן, וועלכער האָט איצטער נישט בלויז גערעדט נאָר אויך געטאָן און געווירקט.

אין בבל האָט דער נביא דערזען דעם יורש פון אשור, און די געפאַר מצד בבל איז געווען א פיל גרעסערע ווי אמאָל מצד אשור און די סקיטן. דאַמאָלס האָט ער געזען פאר זיין פאָלק פארניכטונג און פאר־וויסטונג; איצטער אָבער האָט ער דערזען — גלות! און די דאָזיקע שטראָף איז פאר אים געווען א פיל ערגערע ווי רויב און הריגה.

דער נביא האט זיך ניט אריענטירט ניט אויף בבל און ניט אויף מצרים, נאר אויך דער גערעכטיגקייט און קענען דעם אימפעריאליזם בכלל. פאר אים איז געווען קלאר, אז יהודה וועט פאליטיש פאלן אין קאמף מיט די שטארקערע כחות און אז שטעלן זיך אנטקעגן זיי איז ניט קיין העל־דישקייט נאר אן אומגליק. ער האט געוואלט אז די כחות זאלן בעסער פרעזערווירט ווערן אויף דער צייט פון נאכן חורבן ווען מען וועט דארפן מיט ארימע מענליכקייטן ווידער אויפבויען דאס לאנד.

ירמיהו האט אויסגענוצט די אומרואיגקייט אין לאנד, און באפוילן זיין תלמיד ברוך בן נריה אויפצושרייבן אלע געהאלטענע רעדעס, און זיי פארלייענען פארן עולם. ס'איז א סברא אז ירמיהו'ן איז געווען פארבאטן אריינצוקומען אין בית המקדש און דארטן ריידן. סיי ווי איז עס געווען א גליק, ווייל דאדורך וואס ירמיהו האט אליין מער ניט געקענט קומען אין בית המקדש ריידן, האבן מיר איצטער אלע זיינע רעדעס אין א פאר־שריבענער פארם.

ברוך האט אלע נבואה־רייד געלייענט פארן גרויסן עולם אין בית המקדש, און געמאכט נאר א גרויסן איינדרוק. דער עולם האט איצ־מער אנגעהויבן איינצוזעען אז דעם נביא'ס רייד זיינען יא מקויים געווארן. אשור ליגט שוין א צובראכענע און א דערשלאגענע. מכיהו בן גמריהו, איינער פון שפן דעם סופר'ס משפחה, האט געלאזט וויסן דעם מלך יהויקים און געפאדערט ער זאל זיך באקענען מיטן אינהאלט פון דער אויפגעשריבענער נבואה. ירמיהו'ן און זיין תלמיד האבן די פריינט פון קעניגליכן הויף געהייסן זיך באהאלטן און אליין האבן זיי אריינגעבראכט די מגילה צום קעניג און איר פאר אים פארגעלייענט. יהויקים איז אבער דערפון ניט גערירט געווארן, נאר יעדעס מאל וואס א בלעטל איז אי־בערגעלייענט געווארן, האט ער עס צוגענומען און אריינגעווארפן אין פייער.

די הויפלייט און נאענטע פון קעניג האבן אבער, קאנטיק, יא מורא געקראגן, און זיי האבן אים צוגערעדט זיך אונטערצוגעבן בבל. ווען יהודה איז שוין געווארן אונטערטעניק צו בבל, האט דער נביא זיך אנגעהויבן פילן א סך זיכערער און ווידער אנגעהויבן זאגן זיינע נבואות'ן. דער נביא האט איצטער קלאר און בולט געזאגט, אז בבל איז די אין וועמענס הענט גאט וועט איבערגעבן זיין פאלק און אז ס'וועט מער ניט געדויערן לאנג און אלץ וועט זיין חרוב און מוחרב.

נאָר בקרוב האָט יהויקים אויף א וואונק פון מצרים זיך אָפּגע־זאָגט צו צאָלן בבל אירע צינזן, און ער איז דערפאַר ניט געשווינט געוואָרן. בבל האָט זיך א לאָז געטאָן איבערן לאַנד און אָנגעהויבן דעם חורבן. יהויקים איז אינם טומעל געשטאָרבן, און ער איז שוין געווען דער לעצטער אידישער מלך צו שטאַרבן אין זיין איינן לאַנד.

די אידישע מלוכה איז דאַמאָלס איבערגעגאַנגען צו זיין אכצנ־יאָריקן זון יהויכין אדער ווי דער נביא רופט אים: יכניהו־כניהו. זייענדיק יונג האָט איבער אים זיין מוטער, נחושתא, געהאַט די גאַנצע דעה, און זי האָט אים געראָטן צו קעמפן קעגן נבוכדנאצר מלך בבל, דערוואַרטנדיק, משמעות, אז די מעכטיקע מצרים וועט איר קומען צו הילף. נבוכדנאצר איז אָבער געוואָרן שרעקלעך אין כעס, און דעם מאָל שוין באַלאַגערט ירושלים.

ירמיהו האָט געשטורעמט און געליאַרעמט קעגן דער מלחמה, און זיך געבעטען פרייוויליק אונטערצוגעבען:

„אזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט,
ווען כניהו דער מלך פון יהודה,
זאָל זיין דער זיגל־רינג פון מיין האַנד,
וועל איך דיך פון דאָרטן אָפּרייסן.

און איך וועל דיך געבן אין דער האַנט
פון די וואָס זוכן דיין לעבן,
פון די וואָס שרעקסט זיך פאַר זיי,
אין דער האַנט פון נבוכדנאצר.

איך וועל פאַרוואַרפן דיך,
און דיין מוטער וואָס האָט דיך געבאָרן
אין א פרעמד לאַנד וואו איר וועט שטאַרבן.
אין דעם לאַנד וואָס זייער האַרץ גלוסט
זיך אומצוקערן אהין,
וועלן זיי זיך ניט אומקערן.

לאַנד, לאַנד, לאַנד,
הער גאָט'ס וואָרט!

פארשרייבט דעם דאָזיקן מענשן אַן קינדער,
א מאַן וואָס באַגליקט ניט אין זיינע טעג,
קיינער פון זיין זריעה וועט ניט באַגליקן
צו באַזיצן אויפן טראָן פון דוד
און געוועלטיקן אויף יהודה".
(קאפיטל 22 פסוק 24—30).

קיינער האָט לכתחילה געוואָלט זיך צוהערן צום נביא, נאָר ערשט ווען די באַלאַגערונג איז געוואָרן שטאַרקער און די אידן האָבן געליטן פון הונגער און מגפות, האָט יהויכין און זיין מוטער באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן. איז עס אָבער געווען צו שפּעט. נבוכדנאצר איז געווען פול מיט צאָרן, און האָט געהייסן דעם קעניג און זיין מוטער אוועקפירן אין געפאַנגענשאַפט צוזאַמען מיט העכער צען טויזנט אידישע סאָלדאַטן, מיליטערישע פירער און קעניגליכע הויפּסלייט.

נבוכדנאצר האָט אויך אויסגערויבט דעם בית המקדש, צוגענומען נאָר דעם גאָלד און זילבער און אויך אויסגעליידיקט ביז גאָר דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. די מלוכה האָט אָבער נבוכדנאצר נאָך ניט אָנגע־רירט, און ארויפגעזעצט אויפן טראָן דעם איינגסטן זון פון יאשיהו וועמען ער האָט א נאָמען געגעבן צדקיהו — די גערעכטיגקייט פון גאָט איז מיט אים.

נבוכדנאצר האָט ניט געוואָלט אונטערברענגען די אידישע מלוכה, ווייל ער האָט געוואוסט אז ער האָט דאָרטן א סך גוטע פריינט צווישן די סאַמע אָנגעזעענסטע פירער. אים איז אויך געווען באַקאַנט די נבואה פון ירמיהו, און ער האָט דערוואַרט אז דעם נביא'ס רייד זאָלן סוף כּל סוף אויפגענומען ווערן פונם פאָלק. צדקיהו איז געווען א מענש מיט א שוואַכן כאַראַקטער און כמעט אָן אן אייגענעם ווילן, האָט נבוכדנאצר געהאָפט אז דער דאָזיקער קעניג וועט זיין צופרידן און זיך ניט זוכן קיין צרות.

וואָלט עס אפשר צדקיהו אזוי געטאָן, ווען די מיוחסים און אריסטאָקראַטן וואָלטן זיך ניט באַנוצט מיט זיין שוואַכן כאַראַקטער און אָנגעהויבן אליין צו שפּילן די הויפּט־ראָל. מצרים האָט ווידער אָנ־געהויבן צו מאַכן חן'דעלעך צו יהודה, און די הויפּלייט האָבן זיך דאָרין

אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אָבן טוב. די גרויסע צאָל אידן וואָס האָבן זיך שוין געפונען פאַרטריבענע אין בבל, האָבן אויך געשיקט בריף אַהיים אַרויסצוטרעטן אין אַ נייעם קאַמף און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט קולות, אַז ס'איז אַ שאַנד פאַר יהודה צו זיין אונטערטעניק אונטער אַ פרעמדער מלוכה.

ירמיהו האָט זיך גענומען מאַכן בינדשטריק און יאָך־שטאַנגען און זיי אָנגעטאָן אויפ'ן האַלז, זיך בעטנדיק צו פאַרבלייבן אונטער בבל'ס יאָך:

„אַזוי האָט געזאָגט דער אל צבאות, דער גאָט פון ישראל:
איך האָב געמאַכט די ערד, די מענשן און די בהמות,
און איך גיב עס אַלץ אין דער האַנד פון נבוכדנאצר.

אַלע פעלקער וועלן אים דינען, און זיין זון און זון'ס זון
ביז עס קומט די צייט אויך פון זיין אייגן לאַנד,
און פעלקער און מלכים וועלן אים פאַרשקלאַפן".
(קאַפּיטל 27 פּסוק 4—8).

ווי תמיד האָבן זיך אין ירושלים געפונען פאַלשע נביאים, וועלכע האָבן געפּרעדיקט בלויז וואָס די הויפלייט האָבן זיי געהייסן. איינער פון זיי, חנינה בן עזור, איז באַפאַלן ירמיהו'ן, פון אים אַרונטערגעריסן דעם יאָך־שטאַנג און אים צובראַכן זאָגנדיק צום עולם, אַז אַזוי וועט גאָט צוברעכן דעם יאָך פון בבל. ירמיהו האָט זיך אָבער ניט אָנגעשראָקן, און צום גאַנצן עולם אויסגעשריען:

„הילצערנע שטאַנגען האָסטו צובראָכן,
און וועסט ברענגען אויף אונז אייזערנע.

ווארום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַן אייזערנעם יאָך האָב איך געגעבן
אויפן האַלז פון אַלע פעלקער
צו דינען נבוכדנאצר מלך בבל,

און זיי וועלן אים דינען,
אפילו די חיה פון פעלד וועט אים דינען".
(קאפיטל 28 פסוק 13—14).

ירמיהו האט אויך געשריבן בריף צו די פארטריבענע אין בבל:

„בויט הייזער און באוואוינט,
פלאנצט גערטנער און עסט די פרוכט.

נעמט ווייבער און געבירט קינדער,
און מערט אייך דארטן.

זוכט דעם פרידן פון דער שטאדט,
וואס איך האב אייך אהין פארטריבן
און זייט מתפלל פאר איר צו גאט,
ווארום אין איר פרייד ליגט אויך אייער פרייד.

לאזט אייך ניט נארן פון אייערע נביאים
און אייער ווארזאגער דארטן,
ווארום מיט ליגן זאגן זיי נביאות —
איך גאט האב זיי ניט געשיקט".
(קאפיטל 29 פסוק 4—9).

באמערקנסווערט איז, וואס ירמיהו האט זיי אפילו פאראויסגעזאגט אז אין בערך זיבציק יאר שפעטער וועט גאט זיך איבער זיי דערמאנען און זיי צוריקקערן פון געפאנגענשאפט, א זאך וואס איז טאקע שפעטער מקויים געווארן.

„ווען זיבציק יאר וועט ווערן פול אויף בבל,
וועל איך זיך דערמאנען אן אייך,
און וועל מקיים זיין מיין גוטן צוזאג
אייך אומצוקערן צו דעם דאזיקן ארט.

ווארום איך וויים די טראכטונגען,
וואס איך טראכט וועגן אייך, זאגט גאט,

טראכטונגען פון פרידן און ניט צום בייזן.
איך וועל זיך לאָזן געפינען פון אייך,
אייך אומקערן פון אייער געפאנגענשאפט,
אייך איינזאמלען פון אלע פעלקער און ערטער
וואוהין איך האָב אייך פארשטויסן
און אייך אומקערן צוריק אהיים".
(קאפיטל 29 פסוק 10—15).

אויך אין בבל האָבן זיך געפונען פאלשע נביאים, שמעיהו הנחלמי, אחאב בן קוליה און צדקיה בן מעשיה, וועלכע האָבן געבונטעוועט די פארטריבענע און געשריבן בריף אהיים. זיי האָבן אלעמען אָנגערעדט ניט צו בויען קיין הייזער און זיך ניט אויסצוקלייבן א באשעפטיגונג אין נייעם לאנד, נאָר צו ווארטן אויפן חורבן פון בבל וואָס מוז גאָר גיך קומען. אויך אויף זיי האָט דער נביא געצאָרנט:

„זע. איך גיב זיי אין דער האנד פון בבל,
און ער וועט זיי דערשלאָגן פאר אייערע אויגן.

און פון זיי וועט גענומען ווערן א קללה
ביי אלע פארטריבענע פון יהודה,

ווייל זיי האָבן געטאָן נבלות אין ישראל,
און מזנה געווען מיט ווייבער פון זייערע חברים,
און פאלש גערעדט אין מיין נאָמען
ווערטער וואָס איך האָב ניט באפוילן".
(קאפיטל 29 פסוק 21—23).

די פאלשע נביאים און די הויפּלייט האָבן ווידער נעהאט א נצחון איבער ירמיהו'ן. צדקיהו האָט אויפגעהערט צו צאָלן זיינע צינזן צו נבוכדנאצר, און עפנטלעך ארויסגעטראָטן קעגן אים. צוויי יאָר זיינען אוועק און נבוכדנאצר האָט יהודה'ן ניט באשטראָפט, און די אידן האָבן זיך שוין געפרייט איבער זייער גרויסן זיג. בלויז איין ירמיהו האָט זיך ניט געפרייט. נבוכדנאצר האָט זיך טאקע אומגעקערט, אָבער

זיך געמוזט נאָך א יאָר באַ'אנגערונג אומקערן. די שמחה איז געוואָרן נאָך גרעסער, און ירמיהו אליין האָט שוין אָנגעהויבן צו טרייסטן די אידן.

איבערהויפט איז זיין טרייסט געווען א הארציקע צו די פארטריי־בענע אין בבל. זיי האט דער נביא געזוכט צו שטארקן און מוטיקן. גלויבנדיק באמת אין דעם „עלנט און אייזערנע רוט" וואָס גאָט וועט אויף יהודה שיקן, האָט ער דאָך באצייטנס געלאָזט הערן זיין ווארעם טרייסטוואָרט. ער האָט טאקע באמת נבואה געזאָגט דעם חורבן און געוואוסט אז די אידן האָבן עס כשר פארדינט, דאָך האָט אים זיין הארץ געבלוטיקט און געוויימיקט.

„אל תירא עבדי יעקב,
זאָלסט ניט מורא האָבן
מיין קנעכט יעקב,
און ניט אנגסטן ישראל,

ווארום זע, איך העלף דיר פון וויטן,
און דיינע קינדער אין זייער געפאנגענשאפט;
און יעקב וועט ווידער זיין רואיק און זיכער,
און קיינער וועט זיך מער ניט שרעקן.

ווארום איך בין מיט דיר דיך צו העלפן;
ווארום איך וועל מאכן א פארלענדונג פון אלע פעלקער
צווישן וועמען איך האָב דיך צושפרייט,
אָבער דיך וועל איך ניט פארלענדן.
איך וועל דיך שטראָפן ווערדליך דער גערעכטיגקייט,
אָבער פארטיליקן וועל איך דיך באין אופן ניט.

מסוכן איז דיין בראָך,
שווער איז דיין וואונד.

קיינער האלט ניט פון דיין געזונט ווערן,
ניטאָ קיין היילמיטל פאר דיר.

דיינע ליבהאבער האָבן דיך פארגעסן,
זיי פרעגן זיך מער ניט אויף דיר ;
א שלאק פון א שונא האָט דיך געשלאָגן,
א שטראָף אן אומדערבארעמדיקע,
פאר דיינע גרויסע פארברעכנס,
ווייל דיינע זינד זיינען פול.
אָבער וואָס שרייסטו אויף דיין בראָך ?
וואָס מסוכן'דיק איז דיין ווייטיק ?
פאר דיין גרויסן פארברעכן,
פאר דיינע גרויסע זינד
האָב איך דאָס געטאָן.

דיינע פארצערער וועלן אָבער פארצערט ווערן,
און דיינע פיינט וועלן אין געפאנגענשאפט גיין ;
דיינע רויבער וועלן צו רויב ווערן,
דיינע אויסרויבער וועל איך געבן צו רויבער.

איך וועל דיר ברענגען א רפואה,
און דיינע וואונדן וועל איך היילן.

זע, איך קער אום די געפאנגענע פון יעקב,
און זיינע וואוינונגען וועל איך דערבארעמען,
די שטאָדט וועט אָפּגעבויט ווערן אויף אירע הויפן
און דער ארט וועט באוואוינט ווערן ווי אמאָל.
ארויסגיין וועט געזאנג פון א לויבונג,
און א שטים פון לוסטיקע ;
און איך וועל זיי מערן,
און וועלן מער ניט געמינערט ווערן ;
איך וועל זיי פארגרעסערן,
און וועלן מער ניט קלענער ווערן.
און זיינע קינדער וועלן זיי ווי פריער,

און זיין עדה וועט שטיין פעסט פאר מיר,
און וועל זיך רעכענען מיט זיינע באדריקער".
(קאפיטל 30 פסוק 10—20).

די קומנדיקע גאולה וועט מער ניט זיין א צייט־ווייליקע, בלויז אויף א קליינער צייט, נאָר וועט זיין א שטענדיקע, אן אייביקע, ווייל גאָט'ס חסד, זיין גוטסקייט און ליבשאפט צום אידישן פאָלק, איז אן אייביקע און פולשטענדיקע.

גאָט אליין הייסט דעם נביא טרייסטן די פארטריבענע, און ער טוט עס מיט אמתער ווארעמקייט:

„אזוי האָט גאָט געזאָגט:
געפונען האָט לייטזעליגקייט אין מדבר,
דאָס פאָלק וואָס פון שווערד איז פארבליבן:
גיי אים בארואיקן, ישראל'ן.

פון וויטן האָט גאָט זיך באוויזן צו מיר:
יאָ, אייביקע ליבשאפט האָב איך דיך ליב,
און דערפאר דערנענטער איך זיך מיט חסד.

איך וועל דיך נאָך אויפבויען,
און וועסט ווערן אויפגעבויט,
יונגפרוי, ישראל;
וועסט נאָך אָנטאָן דיינע פייקעלעך,
און ארויסגיין אין לוסטיקן טאנץ.

וועסט נאָך פלאנצן וויינגערטנער,
פלאנצן און עס אליין פארנוצן.

ווארום זיין וועט א טאָג
ווען די וועכטער וועלן רופן אויף די הרי אפרים:

שטייט אויף און נאמיר ארויפגיין קיין ציון
צו יהוה אונזער גאָט".
(קאפיטל 31 פסוק 1—5).

א באזונדער טרייסטוואָרט האָט דער נביא פאר די הינקנדיקע, בלינדע און טראָגנדיקע, וועלכע מוזן געבונדענע אין אייזערנע קייטן מיט־גיין אין געפאנגענשאפט.

„זע, איך ברענג זיי פון צפון־לאנד,
און וועל איינזאַמלען פון די עקן ערד;
צווישן זיי דעם בלינדן און הינקנדיקן,
די טראָגנדיקע און די געווינערן;
א גרוים געזעמל וועלן זיי זיך אומקערן אהער.

מיט געוויין וועלן זיי קומען,
און מיט לייטזעליגקייט וועל איך זיי ברענגען;
איך וועל זיי פירן ביי טייכן וואסער,
אויף א וועג א גלייכן
אין וועלכן זיי וועלן ניט געשטרויכלט ווערן;
ווארום איך בין א פאָטער צו ישראל,
און אפרים איז מיין בכור.

הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר פעלקער,
און דערציילט אין די אינזלען פון ווייט:
דער וואָס צושפרייט ישראל, טוט אים איינזאמלען,
און היט אים ווי א פאסטוך זיין סטאדע.

ווארום גאָט האָט אויסגעלייזט יעקב,
און אים אויסגעקויפט פון דער האנט
פון דעם שטארקערן פון אים.

און זיי וועלן קומען זינגען אויף דער הויך פון ציון,
און וועלן שטראָמען צו גאָט׳ס גוטס,
צו תבואה, און צו וויין און צו אויל,
און צו יונגע שאָף און רינדער;
און זייער זעל וועט זיין ווי א באוואסערטער גארטן,
און זיי וועלן מער קיינמאָל ניט שמאכן״.
(קאפיטל 31 פסוק 7—12).

און ניט בלויז האָט גאָט דערהערט דעם געוויין פון די פאר־טריבענע און פארשקלאפטע, נאָר אויך פון דער פארוויסטער ערד און פון דער מוטער רחל וועלכע סימבאליזירט ציון און ירושלים.

„אזוי האָט גאָט געזאָגט:
א קול ווערט אין רמה געהערט,
א יאָמער, א ביטער געוויין;
רחל וויינט אויף אירע קינדער,
און וויל זיך ניט טרייסטן נאָך אירע קינדער
וואָס זיינען שוין מערער ניטאָ.

אזוי האָט גאָט געזאָגט:
פארמייד דיין קול פון געוויין,
און דיינע אויגן פון טרערן,
ווארום ס׳איז פאראן א לוין פאר דיין מי —
זיי וועלן זיך אומקערן פון פיינטלעכן לאנד,
און א האָפענונג איז פאראן פאר דיין איבערבלייב —
די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער געמארק.
(קאפיטל 31 פסוק 14—16׳.

ירמיהו האָט דאָ סוף כל סוף אנגענומען די אויפפאסונג פון ישעיהו, אז די שטראָף איז ממש א נויטיגקייט צו קריסטאליזירן און לייטערן דעם אידן. דער נביא האָט אפילו שלום געמאכט מיטן געדאנק וועגן גלות פאר וועלכן ער האָט זיך פריער אזוי שטארק געשראָקן. אפילו דער גלות איז פאר אים געוואָרן א קעסל פון איבערשמעלצונג און אויסלייטערונג. די

לאסט איז טאקע א מורא׳דיקע, די לײדן אומדערטרעגלעך, אָבער דערפאר וועט פון גלות ארויסקומען א געלײטערטער איד, וואָס וועט זיך צוריק־קערן צו זײן לאנד און פירן א נײ לעבן, א בעסער לעבען, א רײנער לעבן און א מער אידײאישער לעבן.

און ניט בלויז מיט רײד באווײזט דער נביא זײן טיפן גלויבן אין דער צוריקקערונג פון גלות, נאָר אויך מיט אקטועלע מעשים. אין די טעג ווען ירושלים איז געווען באלאגערט, און די שטאָדט האָט געהאַלטן ביים ארײנפאלן אין שונא׳ס הענט, איז צו אים געקומען זײן פעטער חנמאל דער זון פון שלום, און אים פאָרגעשלאָגן אָפּקויפן זײן פעלד אין ענתות אויפן יסוד פון דעם אויסלײז רעכט וואָס געהערט צום נאָענטסטן קרוב אין דער משפחה. דאָס פעלד האָט דאמאָלט ניט געהאט דעם מינדעסטן ווערט, ווײל דער שונא האָט עס שוין געהאט פארנומען. דאָך האָט ירמיהו עס אָפּגעקויפט און אים באצאָלט זיבן שקלים און צען זיל־בערשטיק. דעם אײנקויף האָט ער געמאכט פאר די אויגן פון אלע אידן וואָס זײנען געזעסן אין הויף פון דער וואך, און דעם געשריבענעם אפמאך האָט ער איבערגעגעבן זײן סעקרעטאר ברוך בן נריה, און אים באפוילן עס באהאלטן אין א לײמענער כלי.

„כדי זײ זאָלן האלטן פילע טעג,
ווארום אזוי האָט גאָט געזאָגט :
ס׳וועלן נאָך געקויפט ווערן
הײזער, פעלדער און װײנגערטנער
אין דעם דאָזיקן לאנד״.
(קאפיטל 32 פסוק 14—15).

און זיצנדיק אן אײנגעשפארטער, א לײדנדיקער און א געפײניקטער, אין הויף פון דער וואך, האָט דער נביא אויסגעזונגען א צווײטע טרײסט־נבואה

„זע, איך ברענג אויף איר א בענשונג און א הײלונג,
און וועל זײ אנטפּלעקן א שפע פון שלום און זיכערקײט.

איך וועל אומקערן די געפאנגענע פון יהודה,
און די געפאנגענע פון ישראל,

און וועל זיי אויפבויען ווי פריער.

איך וועל זיי רייניקן פון זייערע זינד,
און וועל פארגעבן אלע זייערע חטאים,
וואס זיי האבן פארבראכן קעגן מיר.

און ס'וועט מיר זיין א נאמען פון פרייד,
פאר א לויב און פאר א שיינקייט,

ביי אלע פעלקער פון דער ערד,
וועלכע וועלן הערן דאס גוטס וואס איך טו.

ס'וועט נאך געהערט ווערן אין דעם דאזיקן ארט,
וואס איר זאגט ער איז וויסט אן מענשן,
אן באוואוינער און אן פי,

דער קול פון לוסטיגקייט און דער קול פון פרייד,
דער קול פון א חתן און דער קול פון א כלה.

אין יענע טעג וועט געהאלפן ווערן יהודה,
און ירושלים וועט רוען אין זיכערקייט".
(קאפיטל 33 פסוק 6—16).

א נייער בונד וועט דאמאלט געשלאסן ווערן צווישן גאט און זיין פאלק, א בונד וואס וועט מערער קיינמאל ניט צושטערט ווערן.

אויב איר קאנט פארשטערן מיין בונד מיטן טאג,
און מיין בונד מיט דער נאכט,
אז טאג און נאכט זאלן ניט זיין אין זייער צייט.

וועט אויך מיין בונד פארשטערט ווערן מיט דוד
מיין קנעכט,
אז פון אים זאל ניט זיין א זון צו קיניגן אויף זיין טראן.

אזוי ווי דער חיל פון הימל קאָן ניט געציילט ווערן,
און דער זאמד פון ים קאָן ניט געמאָסטן ווערן,
אזוי וועל איך מערן די קינדער פון מיין קנעכט דוד״.
(קאפיטעל 33 פסוק 20—22).

אין די טעג וואָס ירושלים איז געווען באלאגערט און מענשען זיינען געווען נויטיק פאר דער פארטיידיגונג, האָט מען באפרייט אלע שקלאפן. אזוי גיך אָבער ווי די באלאגערונג איז געווען פאראיבער, האָט מען די שקלאפן איינגעשלאָסן אין די אייזערנע קייטן און מיט זיי געטאָן כל עבודת פרך. ירמיהו האָט קעגן דעם שטארק געשטורעמט און ווידער דערמאָנט אָן גאָט'ס שטראָף וואָס מוז און וועט באלד אָנקומען.

„זע, איך גיב די דאָזיקע שטאָדט
אין דער האנד פון דעם מלך בבל,
און ער וועט זי פארברענען אין פייער.

און דו וועסט ניט אנטרינען ווערן,
נאָר וועסט געכאפט ווערן
און איבערגעגעבן ווערן.
אויג און אויג וועסטו זען דעם מלך בבל,
און מויל צו מויל וועט ער מיט דיר ריידן,
און קיין בבל וועסטו קומען.

אָבער הער דעם וואָרט פון גאָט,
צדקיהו מלך פון יהודה;
אזוי האָט גאָט געזאָגט אויף דיר:
וועסט ניט שטארבן דורכן שווערד.
(קאפיטל 34 פסוק 2—4).

און דערפאר וואָס מען האָט צוריק איינגעשלאָסן די שקלאפן און איבערגעבראָכען דעם בונד מיט גאָט —

„וועל איך זיי געבן אין די הענד פון די פיינט,
אין די הענד פון די וואָס זוכן זייער לעבן,

און זייערע טוידטע לייבער וועלן זיין
א שפייז פאר די פויגל אין הימל און חיות אויף דער ערד.

און צדקיהו דעם מלך פון יהודה און זיינע הארן
וועל איך געבן אין די הענד פון זייערע פיינד
און די שטעדט פון יהודה וועל איך מאכן פאר א
וויסטעניש".
(קאפיטל 34 פסוק 20—22).

צדקיה האָט געשיקט זיין כהן צפניה בן מעשיה צו ירמיהו'ן בעטן ער זאָל מתפלל זיין צו גאָט יהודה זאָל געווינען קעגן בבל. דארויף האָט ירמיהו געענטפערט, אז אויב אפילו ס'גאַנצע חיל פון שונא זאל אויס־גע'הרגעט ווערן און ס'זאָלן בלייבן בלויז עטלעכע פארוואונדעטע, וועלן די דאָזיקע נאָך אלץ האָבן גענוג כח צו פארברענען די שטאָדט.

אזא תשובה האָט אלעמען אריינגעבראכט אין גרויסן גרימצאָרן, און מען האָט געזוכט א תירוץ אים צו פארשפארן אין געפענגעניש און אפשר גאָר פארמשפטן צום טוידט. אזא געלעגנהייט האָט זיך טאקע גאָר גיך געמאכט. ירמיהו האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין נחלה אין ענתות איינצונעמען זיין חלק ירושה, און ווי ער איז נאָר צוגעקומען צום טויער פון בנימין, האָט אים דער הויפט פון דער וואך ארעסטירט באשולדיגנדיק אים אין שפיאָנאזש פאר בבל. טוידטן אים האָט מען מורא געהאט, האָט מען אים אריינגעוואָרפן אין א פינסטערן קערקער וואו מען האָט געהאָפט ער וועט אליין אויסגיין.

נבוכדנצר איז אבער ווידעראמאָל געקומען אויף ירושלים, און ווידער זיינען די איינוואוינער ארומגעכאפט געוואָרען פון א טוידט שרעק. צווישן פאָלק האָבן זיך שוין געפונען אזוינע וואָס האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין ירמיהו'ס נבואה. און צדקיהו האָט אים באפרייט פון קערקער און אים געהאלטן ביי זיך אין הויף א געפאנגענעם. ירמיהו האָט איצטער געשריען, אז יעדער וואָס וויל זיך ראטעווען פון א זיכערן טוידט זאָל פארלאָזען די שטאָדט און פרייוויליק זיך איבערגעבן דעם שונא.

האָט עס פארדראָסען די הויפליים, און געפאָדערט פון צדקיהו'ן ער זאָל ירמיהו'ן טוידטן. דער שוואכער מלך האָט זיך ניט געקענט העלפן, און אים איבערגעגעבן זיי אין די הענד. מיט שטריק האָבן זיי

אים ארונטערגעלאָזן אין אַ טיפן גרוב וואו קיין וואסער איז ניט געווען, נאָר בלויז ליים. ירמיהו וואָלט אודאי גאָר גיך דאָרטן אויסגעגאנגען, אָבער ווידער האָט זיך פאר אים משתדל געווען אַ פריינד, עבד מלך הכושי, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפּלייט, און אים פון דאָרטן ארויסגענומען.

ווידער האָט ירמיהו געווארנט דעם אידישן מלך זיך איבער־צוגעבן דעם שונא און דערמיט ראטעווען זיין אייגן לעבן און דעם לעבן פון צענדליקער טויזנטער אנדערע, אָבער דער מלך איז געווען אַ שוואכלינג און דערצו ניט געהאט קיין מוט.

און אָט איז דער סוף אָנגעקומען. אין נײַנטן טאָג פון חודש אב האָט עס פּאסירט. ירושלים איז געפאלן, דער בית המקדש איז פאר־ברענט געוואָרן, די קינדער פון צדקיהו דעם מלך און אלע בעאמטע און שרים זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן, דעם מלך אליין האָט מען בלינד געמאכט און אים מיט דעם רוב פאָלק אוועקגעפירט געפאנגען. בלויז דאָס אָרימע פאָלק, די וואָס האבן גארניט פארמאָגט, האָט נבוזראדן, דער הויפּט פון בבלישן חיל, איבערגלאָזן און זיי איבערגעגעבן פעלדער און וויינגערטנער.

פאר אַ צייט האָבן די סאָלדאטן געשאַלטעוועט אין ירושלים, גע־טוידט יעדן וואָס איז זיי געקומען אין וועג, געשענדט יעדע הייליגקייט, און ניט איבערגעלאָזן קיין שטיין אין די גאסן וואָס זאָל ניט זיין באנעצט מיט אידיש בלוט. דאָך האָט זיך אין זייער ווילדקייט געפילט אַ סך צו־ריקגעהאלטנקייט: ס'איז זיי, קאָנטיק, געווען אַ שאָד איינגאנצן צו פאר־ניכטן די שטאָדט מיט אירע נאטירלעכע פעסטונגען און באשיצונגען, וואָס וואָלט זיי אין אַ פאל פון מלחמה מיט אן אנדער מלוכה שטארק צו־נוץ געקומען.

בבל האָט פארגאָסן גענוג אידיש בלוט, אָבער די מלוכה איז נאָך אַלץ פארבליבן. בבל האָט זיך בלויז נוקם געווען אָן דער אידישער אריסטאָקראטיע, וועלכע האט איר באקעמפט און זיך געהאלטן נאָענט צו מצרים און די פארבינדעטע. דעם פאָלקס־עלעמענט, דעם וואָס האָט זיך באשעפטיקט מיט ערד ארבעט און געלעבט פון שווערער האָרעוואניע, האָט מען ניט פארטריבן. אין זיי האט בבל געזען אַ מאָסע, וואס גיט זיך ניט אָפּ מיט פּאליטיק און מלחמות. זיי האָט בבל ניט פאררעכענט

פאר שונאים, און האָט זיי נאָך געהאָלפן מיט פעלדער, ווייגגערטנער און זריעה.

כדי די איבערגעבליבענע מאסן זאָלן קענען אָנגיין מיט דער אויפבויאונג פון לאנד, האָט נבוכדנאצר, דער מלך פון בבל, באשטימט גדליהו דעם זון פון אחיקם פארן פירער איבערן לאנד. גדליהו האָט געשטאַמט פון א גאַר געהויבענער פאַמיליע. זיין זיידע, שפן, איז געווען דער בארימטער סופר וואָס האָט פארגעלייענט פארן קעניג יאשיהו די געפונענע ספר תורה. זיין פאָטער, אחיקם, איז געווען דער ענערגישסטער באשיצער פון ירמיהו'ן ווען די פאטריאָטישע כהנים האָבן אים געשטעלט צום משפט פאר פארראט און גאָטסלעסטערונג.

גדליה אליין איז אויך געווען א הייסער אָנהענגער און ווארימער חבר פון ירמיהו. אויך ער האָט לכתחילה געהערט צו דער פאָלקס־פארטיי, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער פאליטיק און אומגערעכטיגקייט פון דער אריסטאָקראטישער און הערשנדיקער קאסטע.

נבוכדנאצר האָט אויך באפוילן זיין מיליטערישן הויפטפירער וועגן ירמיהו'ן:

„נעם אים און טו דיינע אויגן אויף אים,
און זאָלסט אים ניט טאָן קיין שום בייז;
נאָר אזוי ווי ער וועט דיר זאָגן,
אזוי טו מיט אים".

(קאפיטל 39 פסוק 11—12).

ירמיהו'ן איז געגעבן געוואָרן די ברירה מיטצוגיין מיט די געפאנגענע קיין בבל אויף זיי אכטונג צו געבן און זיי צו טאָן גוטס, אָדער פארבלייבן מיט דעם אָרימען פאָלקס־טייל אין לאנד און זיי העלפן. ירמיהו האָט ניט לאנג געטראכט און אָנגענומען דעם באשלוס בעסער צו פאר־בלייבן אין לאנד. דערמיט האט דער נביא נאָכאמאָל געוואָלט באווייזן, אז דער איבערגעבליבענער טייל איז דער יסוד פון בנין הארץ, פון ווי־דעראויפבוי. וועגן די פארטריבענע האָט ער געטראכט, אז די בעסערע פון זיי, די וואָס האָבן דעם ערנסטן ווילן צו פירן א נאציאָנאלן פאָלקס לעבן אויף יושר'דיקע יסודות, וועלן זיך שפעטער אליין צוריקקערן.

„און אלע הויפּליט פון חיל, זיי מיט זייערע מענטשן, האָבן געהערט אז דער מלך פון בבל האָט אויפגעזעצט גדליהו בן אחיקם איבערן לאנד און האָט געלאָזט אונטער אים מענער און ווייבער און קינדער פון די אָרימע, זיינען זיי אלע צו אים געקומען, זיי מיט זייערע מענטשן. און גדליהו האָט זיי באשוואָרן און געזאָגט: האָט ניט מורא צו זיין אונ־טערטעניק די כשדים. זיצט אין לאנד, און דינט דעם מלך פון בבל און אייך וועט זיין גוט. זאמעלט איין ווייַן, זומער־אויבס, אויל, און טוט זיי אריין אין אייערע כלים און זיצט אין אייערע שטעדט וואָס איר האָט פארכאפּט".

„און אויך אלע אידן וואָס אין מואב און אין צווישן די קינדער פון עמון, אדום און איבריקע לענדער האָבן זיך אומגעקערט אין לאנד יהודה צו גדליהו'ן און האָבן איינגעזאמלט ווייַן און פרוכט א סך".

גדליהו האָט זיך פארבונדן מיט ירמיהו'ן און צוזאמען געמוטיקט די אידן ווידער אויפצולעבן זייער היים און לאנד. די מאסן האָבן צו ביידן געקראָגן דעם פולסטן צוטרוי, און זיך מיט גרויס ענערגיע גענומען פארפלאנצען זייערע גערטנער און פעלדער. ביידע האָבן איצטער געלעבט בשלום מיט אלעמען, אפילו מיט די פריערדיקע קעגנער, די צוריקגע־קערטע קריגספירער און פרינצן. אויך צו דער באבילאָנישער מאַכט זיינען זיי געווען פריינטלעך, און די מאכט האָט גערן געזען א פּליטיקע פויערשאפט וואָס גיט זיך בעסער אָפּ מיט ארבעט איידער מיט פּאליטיק און מלחמה.

גוט און ערלעך איז גדליהו געווען, און ער האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן אז פונקט דאמאָלט ווען ער איז אזוי שטארק פאר־נומען אין איינפירן א נאָרמאלן לעבן אין לאנד, זאָלן זיך געפינען מענטשן וואָס טראכטן פון אייגענעם כבוד און זאָלן זיין גרייט צו שטעלן אלע אידן אין קאָן און אים אליין טוידטן, אבי צו דערגרייכן די אייגענע אמביציעס.

אומזיסט האָט מען אים געוואָרנט, ער האָט אָבער צו די וואָרנונ־גען זיך ניט צוגעהערט. דער שרעקלעכער טאָג איז געקומען. געווען איז עס אויף מאָרגן נאָך ראש השנה און דער פרינץ ישמעאל בן נתניה און זיינע מיטהעלפער האָבן געטוידט גדליהו'ן מיט א גרויסע צאָל אומבאוואפנטע אידן.

די דערמאָרדונג האָט אנטמוטיקט די אידישע מאסן און געשאפן א ווילדן כאאס. מען האָט פארלאָזן דאָס ביסל האָב און גוטס און אנטלאָפן וואו די אויגן האָבן געטראָגן.

די פירער און דאָס פאָלק וואָס זיינען נאָך פארבליבן אין לאנד, האָבן זיך פארווענדט צו ירמיהו׳ן נאָך אן עצה און אים פארזיכערט צו פאָלגן וואָס ער וועט זיי הייסן. צען טעג האָבן זיי געוואַרט אויף זיין ענטפער. קאַנטיק, אז אין הארצן פונם נביא איז אָנגעגאנגען אן אינ־וויניקסטער געראנגל: זאָל ער ווידער ארויסטרעטן קעגן זיין פאָלק, וואָס זוכט איצטער צו אנטלויפן פון לאנד, אָדער זיך אונטערגעבן און מיטגיין מיטן שטראָם? און ווידער האָט זיין ליבשאפט צום לאנד אים גובר געווען; ער דערהערט די שטים פון גאָט צו פארבלייבן אין לאנד.

„אזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל,
וואָס איר האָט מיך צו אים געשיקט,
צו מאכן פאלן אייער געבעט פאר אים:

אויב בלייבן וועט איר אין דעם דאָזיקן לאנד,
וועל איך אייך אויפבויען און ניט צושטערן,
וועל אייך איינפלאנצן און ניט אויסרייסן,
ווארום איך האָב חרטה אויף דעם בייז.

איר זאָלט ניט מורא האָבן פארן מלך פון בבל,
ווארום איך בין מיט אייך, אייך צו העלפן,
און אייך מציל צו זיין פון זיין האנט.

און איך וועל אייך געבן דערבארמונג,
און ער וועט אייך דערבארעמען,
און אייך אומקערן אויף אייער ערד".

(קאפיטל 42 פסוק 9—12).

און באוואפנט מיט דער גאנצער שווערינקייט פון זיין הארץ און געמיט. איז דער נביא ארויסגעטראָטן קעגן די וואָס האָבן געוואָלט אנט־

לויפן קיין מצרים. זיין גאנצן צאָרן האָט ער איצטער אויסגעגאָסן אויף די פירער, וואָס באאיינפלוסן דעם פאָלק צו אנטלויפן מיט זיי.

„אזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבאות :
אויב איר וועט קערן אייער פּנים
קיין מצרים דאָרטן צו וואוינען,
וועט די שווערד פאר וועלכער איר האָט מורא
אייך דאָרטן דערגרייכן און איר וועט שטארבן.

געשען וועט עס צו אלע וואָס האָבן געקערט זייער פּנים
צו וואוינען אין לאנד מצרים,
אז זיי וועלן שטארבן פון שווערד,
פון הונגער און פון מגפות,
און פון זיי וועט קיינער ניט בלייבן.
אזוי ווי מיין כעס איז אויסגעגאָסן געוואָרן
אויף די באוואוינער פון ירושלים,
אזוי וועט אויסגעגאָסן ווערן מיין כעס
אויף אייך ביים קומען קיין מצרים.
איר וועט זיין פאר א פלוך און פאר א שרעק,
און פאר א קללה און פאר א שאנד,
און וועט מער ניט אָנזען דעם דאָזיקן אָרט".
(קאפּיטל 42 פּסוק 15—18).

פאר די וואָס זיינען פארטריבן געוואָרן מיט געוואלד, איז נאָך דאָ א האָפענונג זיך אמאָל צוריקצוקערן און צו זען דאָס לאנד; פאר די אָבער וואָס פארלאָזן דאָס אידישע לאנד מיטן אייגענעם ווילן — פאר זיי האָט דער נביא מער קיין האָפענונג ניט.

די פירער האָבן אבער זייער שבועה ניט געהאלטן, און דעם נביא ניט געפאָלגט. זיי האָבן, קאָנטיק, מורא געהאט פאר ירמיהו'ן, וועלכער איז איצטער געווען פארהייליקט ביים פאָלק, האָבן זיי אויסגעלאָזן זייער גאנצן כעס אויף ברוך בן נריה, דעם נביא'ס תלמיד און סעקרעטאר :

„ליגן זאָגסטו, ניט גאָט האָט דיך געהייסן זאָגן מיר זאָלן ניט אנטלויפן קיין מצרים, נאָר ברוך בן נריה רעדט דיך אָן אויף אונז כדי אונז איבערצוגעבן אין דער האנט פון בבל״.

די אידישע קריגספירער האָבן צונויפגענומען גאָר דאָס פאָלק און אוועק קיין מצרים. אויך ירמיהו׳ן און זיין תלמיד האָבן זיי געצוואונגען מיטצוגיין. אזוי ארום איז ירמיהו סוף כל סוף פארטריבן געוואָרן פון זיין לאנד פאר וועלכן ער האָט אזוי פיל געליטן, נאָך גרעסער איז זיין ווייטיק געווען, וואָס ער איז דורכן פיינט ניט פארטריבן געוואָרן נאָר דורך זיינע אייגענע ברידער.

אין זיין גרויסן צאָרן זאָגט ער פאָר פארניכטונג ניט בלויז פון די אידן וואָס זיינען אהין אוועק, נאָר אויך אויפן גאנצן לאנד מצרים:

„זע, איך שיק און וועל נעמען
נבוכדנאצר מלך בבל,
און וועל שטעלן זיין טראָן
איבער די גראָזיקע שטיינער.

ער וועט קומען און שלאָגן דאָס לאנד
וועמען צום טוידט און וועמען צום שווערד.

איך וועל אָנצונדן א פייער
אין די הייזער פון מצרים,
און ער וועט זיי פארברענען
אָדער זיי נעמען געפאנגען;
ער וועט צונויפוויקלען מצרים
און וועט ארויס בשלום״.

(קאפיטל 33 פסוק 8—12).

דער נביא האָט איין אורטייל סיי פאר מצרים און סיי פאר בבל: ביידע זיינען אימפעריאליסטישע מלוכות, תמיד פארזונקען אין געצנדינסט און אין מלחמות, וועלן ביידע מוזן אונטערגיין. אין אימפעריאליסטישע מלחמות זיינען ניטאָ קיין זיגער און באזיגטע, נאָר — קרבנות.

דער נביא מאכט נאָך א לעצטן פארזוך צו ווירקן אויף זיינע ברידער אין מצרים. ער צאָרנט שוין מער ניט אויף זייער קומען אהין; ער דערזעט שוין קלאָר גאָט'ס שטראָף: איןביידע לאגערן פונם קריג, אין די קעמפענדיגע מחנות פון די בבליים און מצריים, קעמפן אידישע קנעכט איינער קעגן אנדערן. דער נביא בעט זיך בלויז כאָטש ניט צו דינען צו די פרעמדע אָפּגעטער, אָבער אויך דאָס קאָן ער מער ניט פועל'ן. די אידן וואָס זיינען מיט אים אין מצרים ענטפערן אים מיט גרויס חוצפּה:

„דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט צו אונז אין נאָמען פון גאָט, הערן מיר ניט צו. מיר ווילן נאָר טאָן וואָס גייט ארויס פון אונזער איינגן מויל. מיר ווילן רויכערן צו דער קעניגין פון הימל און גיסן צו איר גיס־אָפּפער ווי מיר האָבן געטאָן, מיר און אונזערע עלטערן, אונזערע מלכים און אונזערע הארן, אין די שטעדט פון יהודה און אין די גאסן פון ירושלים, און מיר האָבן געהאט ברויט צו זאט, גוט איז אונז געווען און מיר האָבן קיין שלעכטס ניט געזען. זינט אָבער מיר האָבן אויפ־געהערט רויכערן קטורת צו דער געטין פון הימל, זיינען מיר געמינערט פון אלץ און מיר ווערן פארבלענדט פון שווערד און הונגער".

(קאפיטל 44 פסוק 15—20).

און וואָס בלייבט שוין דעם נביא איצטער צו טאָן? זיין יעדע האָפענונג ליגט איצטער באגראָבן, זיין באליבט לאנד ליגט חרוב און מוחרב, מצרים און בבל איז ארומגעכאפּט מיטן פייער פון מלחמה, זיינע ברידער דאָרטן האָבן פון זיך אראָפּגעוואָרפן יעדע שאנד, זיך אויסגע־ליידיקט פון יעדער קדושה, געוואָרן הפקר'דיק דורך פארצווייפלונג, איז זיין שטים אנטשווינגן געוואָרן — אָפּגעשניטן און פארשוואונדן. זיין לעבן האָט פארלאָרן יעדן ציל און באדייט, איז ער אראָפּ פון דער וועלט־ארענא.

יחזקאל

דער נביא יחזקאל, דער זון פון בוזי הכהן, איז ווערליק דער טראדיציע געווען צווישן די גולי בבל, די וואס זיינען פארטריבן גע־ווארן קיין בבל מיט בערך זיבן יאר פארן פולשטענדיקן חורבן.

זייענדיק א כהן, איז ער געווען אן אנערקענטער גייסטיקער פירער און געקעמפט פאר דער איינינקייט פונם אידישן פאלק אונטער דער פאן פון אמונה און עטיק. דורכלעבנדיק אליין דעם גרויסן נאציאנאלן חורבן, האט ער, ווי ירמיהו הנביא, מיטגענומען מיט זיך אין גלות דעם גאנצן גייסטיקן זאפאס פון דער תורה און טראדיציע, און זיך אנגעשטרענגט דאס דאזיקע איבערצופלאנצן אויפן פרעמדן באדן. דארטן, אין בבל, איז ער געווארן דער איינציקער ליכט־שטראל און הויפטקוואל פון דער גייסטיקער אידישקייט.

אין איינע פון זיינע זעאונגען, האט ירמיהו געזען צוויי קארבן מיט פייגן. אין איין קארב זיינען געווען גוטע, צייטיקע פייגן און אין דער אנדערער שלעכטע און זויערע (ירמיהו כ"ד,ב'). די גוטע פייגן, האט ער דערקלערט, זיינען די פארטריבענע אידן אין בבל און די שלעכטע — די פארבליבענע אין ארץ ישראל. זיין אפשאצונג וועגן די צוויי גרופן, כאטש ניט קיין קאמפלימענטארע, האט זיך בלי ספק שפע־טער ארויסגעוויזן צו זיין א ריכטיקע.

נבוכדנאצר האט אוועקגעפירט אין גלות בלויז אזעלכע וואס האבן אנגעפירט מיט דער רעגירונג, אינדוסטריע, כהונה און מיליטערישן קאמף. אלע אנדערע האט ער געלאזן רואיק לעבן, און זיי נאך גאר א סך מיטגעהאלפן זיך איינארדענען אונטער די נייע באדינגונגען. נבוכד־נאצר האט ניט געוואלט חרוב מאכן יהודה, נאר זיך באווארענען קעגן א רעוואלוציע. ירמיהו האט דאס דאזיקע גוט פארשטאנען, און כסדר זיך געבעטן זיך אונטערגעבן דעם שיקזאל. זיין אנשויאונג איז געווען, אז די ווידער־אויפלעבונג פונם אידישן פאלק וועט ניט קומען דורך די פארבליבענע אין יהודה נאר דורך די פארטריבענע אין בבל. די פאר־טריבענע, האט ער געגלויבט, וועלן זיך דורך די אייגענע ליידן רייניקן

און קריסטאַליזירן און אַזוי אַרום ווערן פּייאיק אויפצונעמען די אידישע גייסטיגקייט.

עלף יאָר נאָכאַנאַנד, זינט דעם ערשטן גלות ביז דעם פולשטענ־דיקן חורבן אין 586 פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג, האָט ירמיהו ביטער געקעמפט קעגן די פאַרבליבענע אין לאַנד, און געגעבן טרייסט און האָפענונג צו די פאַרטריבענע אין בבל. דאָך האָט זיך קיינער צו אים ניט צוגעהערט, ניט די אידן אין יהודה און ניט די אידן אין בבל. שטאַרק פרום זיינען די פאַרטריבענע ניט געווען, און גאָט'ס רייד האָבן געפונען א שוואַכן אָפּקלאַנג אין זייערע הערצער. אין זיי האָט אָבער געלעבט דער נאַציאָנאַלער געפיל, דער באַגער נאָך אַן אייגענער היים, און אפשר אויך די בענקשאַפט נאָך דער גלאָריפיקאַציע פון דעם בית המקדש, האָבן זיי נאָך אַלץ געזוכט מיטלען ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פונם נייעם יאָך.

אודאי זיינען צווישן די פאַרטריבענע אויך געווען גאָטספאָרכטיקע, און זיי, מערער ווי די איבריקע, האָבן ביטער באַוויינט דעם גלות. נבוכדנאצר האָט דוקא די אידן אין בבל דערמוטיקט, זיי געגעבן אַלערליי פרייהייטן, זיי אפילו דערלויבט צו האָבן אייגענע שקלאַפן, אָבער די אידן האָבן בשום אופן זיך ניט געוואָלט אַריענטירן און אַקלימאַטיזירן: זיי האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון איינאָרדענען זיך און נאָר אויסגעקוקט אויף דער ישועה זיך אומצוקערן אהיים.

ס'האָט זיך דאַריבער געשאַפן זער א קריטישע לאַגע. ירושלים איז געלעגן א פאַרוויסטע, דער בית המקדש פאַרברענט, די מלוכה צור־שטערט, און די אידן אין גלות זיינען ניט פּראָדוקטיוו, שטרענגען זיך ניט אָן אויפצובויען זייער נייעם לעבן, נאָר חלומען פון פוסטע חלומות, פון א באַלדיקער הילף וואָס איז געווען גאַנץ ווייטלעך און פאַנטאַסטיש. אין אַזא צייט האָט זיך געפאָדערט א פירער מיט א שטאַרקן איינפלוס, מיט א גרויסער ווייזע און וואַרעמען וואָרט, מיט א גרויסער דיכטערישער קראַפט און שטאַרקן ווילן, וואָס זאָל די אידן אין גלות געבן צו פאַרשטיין זייער היסטאָרישע מיסיע און טיפן באַדייט פון די דערפאַרונגען. דער דאָזיקער פירער איז געווען דער יונגער כהן, יחזקאל הנביא.

יחזקאל איז אייגנאַרטיק אין זיין סטיליסטיק, בילדליכקייט און בליק איבער אידישקייט. ווי יעדער אמתער נביא, איז אויך יחזקאל געווען רעוואָלוציאָנעריש אין זיין וועלטבליק און עטישן באַגריף. ער

צושטערט אינסטיטוציעס, אנשויאונגען און באגריפן וואָס זיינען ביים פאָלק פארהייליקט, און באשאפט נייע אידייען און ניי באגרינדעטע אמת׳ן פאר וועלכע ער קעמפט מיט אומגעהויערער עקשנות. ער ווייסט, אז —

„די קינדער האָבן פארשייטע פנימער
און הארטע הערצער;

און זיי, סיי זיי וועלן הערן,
און סיי זיי וועלן פארמיידן —
ווארום א ווידערשפעניק געזינדל זיינען זיי —
זאָלן זיי וויסן אז א נביא איז געווען צווישן זיי״ . . .
(יחזקאל קאפיטל 2 פסוק 4—5).

ער אליין זאָגט אויף זיך אז ער איז א נביא און זיינע רייד ווערן כסדר באצייכנט ווי נביאיש, דאָך זיינען זיי גאנץ אנדערש פון די נביאים פאר אים און נאָך אים. יעדער איינציקער נביא האָט זיך אויסגעצייכנט און אויסגעטיילט פון די אנדערע מיט זיין סטיל און גייסטיגקייט; יעדער איינער האָט געהאט עפעס אזוינס וואָס איז געווען אָריגינעל און אייגנארטיק. אמאָל איז עס געווען אין מקור, דער קוואל פון וואנען ער האָט געשעפט זיין דיכטערישע וויזיע, און אמאָל אין דער סוביעקטיוויטעט, אין דער אייגענער מענשלעכקייט. בדרך כלל געפינען מיר אָבער א שותפות׳דיקע פאָרם און כאראקטעריסטיק צווישן אלע נביאים: ס׳איז דער סוביעקטיווער בליק, די אייגענע עטישע דער־קענטעניש, די וואָס קומט ניט דורכ׳ן שכל, דורך אן אביעקטיווער אָפּ־שאצונג, דורך א דערפאָרשונג פון פאקטן און באווייזן, דורך געשיכטע און טראדיציע; ס׳איז דער בליק וואָס קומט פון דער אייגענער נשמה, פון דער אייגענער געטלעכער עטישע דערקענטעניש. דער נביא דערהערט די שטים פון גאָט, וואָס איז די שטים פון גערעכטיגקייט, און אָט די דאָזיקע שטים פארנעמט ער, איז איר תופס און משיג ווי אן אבסאלוטער אמת, און זיין גאנצער מהות און זעליגקייט ווערט דורך דעם דאָזיקן אמת געלייטערט און דערהויבן.

דער נביא נעמט אויף זיין מיסיע ניט צוליב א וועלכן רצון און באגער, וועלכן ער האָט קיין שליטה ניט, צוליב דעם צוואנג פון זיין אייגענער טבע, אָט פונקט אזוי ווי א פייער ווארעמט און ברענט, ווי א שטארקער שטורעם צעריסט בערג און צעברעכט שטיינער. ניט ער הערשט איבער דער נבואה, נאָר דער נביאישער גייסט הערשט איבער אים, איבער זיין גאנצן איך און עגאָ, וועלכער ווערט בטל ומבוטל לגבי דער געטלעכקייט.

אָט די דאָזיקע בשותפות'דיקע סמנים זיינען ביי יחזקאל'ן ניט בנמצא. ביי אים איז די נבואה אן אומנות; ער האָט זיך אליין מקדיש געווען צו זיין א נביא און מטיף. אודאי פארמאָגט ער א געטלעכן גייסט און ווערט באאיינפלוסט פון דער געטלעכער דערקענטעניש, איז זי אָבער ניט קיין אינטואיטיווע, ניט קיין אינערלעך דערוואָרבענע, נאָר א דערגרייכטע דורך א גרינטלעכער שטודיע, דורך א דערגרונטעוועטן לימוד, דורך דעם אייגענעם באגער און ווילן.

אלע אנדערע נביאים זיינען פריער אליין באאיינפלוסט געוואָרן, און נאָך איידער זיי האָבן באוויזן צו ווירקן אויף אנדערע זיינען זיי אליין באווירקט געוואָרן. אנדערש איז עס אָבער מיט יחזקאל'ן. ער האָט אודאי משפיע געווען אויף אנדערע, אָבער אליין האָט ער פון ערגעץ ניט געצויגן קיין השפעה.

עמוס איז געווען אין כעס און פארביטערט איבער די רויבערייען און אומגערעכטיגקייטן, און פון זיינע רייד דערקענען מיר זיין כעס און פארביטערטקייט. הושע האָט זיך מצער געווען איבער דער פארדאָרבנ־קייט פון זיין דור, און דער דאָזיקער טיפער צער פילט זיך אין זיין יעדן וואָרט. מיכה האָט אויך דורכגעפילט זיין נבואה, און מען זעט ווי זיין הארץ קלאָגט און וויינט. ישעיהו האָט אויך גענומען אויף זיך די נבואה דורך א באפעל פון גאָט, און ירמיהו איז געווען דורך און דורך דער נביא. ער האָט דערפילט, אז נאָך אין זיין מוטער'ס בויך איז ער באשטימט געוואָרן צו זיין א נביא. יחזקאל איז געווען דער איין און איינציקער, וואָס האָט געווירקט און באווירקט און דאָך אין דער נבואה ניט געלעבט. ער רעדט מיט פארשטענדעניש, מיט דיכטערישער וויזיע, מיט גרויס חכמה און שכל, מיט גרויס קענטשאפט און געלערנטקייט, אָבער באין אופן ניט מיט התלהבות און השתפכות הנפש, ניט מיט הארץ און נשמה, ווי ער וואָלט געווען א דרויסנדיקער, א זייטיקער. ער שטראָפט

די אידן שארף און שטרענג, אָבער ער אליין איז דערצו קיין שותף, אים באַרירט עס ניט און ער דערפילט עס ניט. אַלץ איז ביי אים דין און משפט, געזעץ און גערעכט, און זיין אייגן הארץ ווערט ניט גערירט דורכן טוידט פונם פאר׳משפט׳ן.

יחזקאל איז בלויז געווען באווירקט פון איין איינציקן גרויסן כח — די רעאַליטעט פון א גאָט פון גערעכטיגקייט. מיט דער דאָזיקער רעאַליטעט פאר זיינע אויגן, הויבט ער אָן זיין נביאישע מיסיע. זיין וויזיע הילט ער איין אין מיסטעריעזקייט, וואָס איז בלויז א סימבאַליס־טישער אופן צו דערקלערן די אייגענע איבערצייגונג אין דעם מהות פון דער געטלעכקייט.

יחזקאל איז דער ערשטער אריינצופירן די דאָזיקע מיסטעריעזע סימבאַלישקייט אין דער נבואה, און איז דער איינציקער וואָס האָט אזוי גשמיות׳דיק געמאָלן די פמליא של מעלה מיט דעם כסא הכבוד, די הימ־לישע ספערן, די אופנים, חיות און פויגל און, כביכול, גאָט אליין.

„א שטורמווינט איז אָנגעקומען פון צפון, א גרויסער וואָלקן מיט א פלאַקערדיקן פייער ארום. אין מיטן פון פייער איז געווען דער אָנבליק פון בורשטין, און אין מיטן דערפון איז געווען די געשטאַלט פון פיר חיות, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי מענשן. ביי איטלעכן זיינען געווען פיר פנימער און פיר פליגלען. זייערע פיס זיינען געווען גלייכע, אָבער די פוסטריט זיינען געווען ווי פון א קאַלב און האָבן געפינקלט ווי בלאַנקער קופער. הענט פון א מענשן זיינען געווען אונטער די פיר פליגלען, און די פליגלען זיינען געווען באהעפט איינער צום אנדערן און זיך ניט אומגעדרייט ביים גיין. און דער געשטאַלט פון זייערע פנימער איז געווען: א פנים פון א מענשן: א פנים פון א ליִיב אויף דער רעכ־טער זייט: א פנים פון אן אָקס אויף דער לינקער זייט, און א פנים פון אן אָדלער. זייערע פליגלען זיינען געווען פאנאנדערגעשפרייט אין דער הויך; צוויי זיינען געווען באהעפט, און צוויי האָבן באדעקט די לייבער. און איטלעכער איז געגאַנגען צו דער זייט פון פנים; וואוהין דער גייסט איז געווען צו גיין, זיינען זיי געגאַנגען און זיך ניט אומ־געדרייט. דער געשטאַלט פון די חיות איז געווען ווי ברענענדיקע קוילן; אזוי ווי דער אויסזעהן פון בראַנדהעלצער, איז דער פייער ארומגע־גאַנגען צווישן די חיות. דער פייער האָט געהאַט א שיין, און פון פייער

איז ארויסגעגאנגען א בליץ. די חיות זיינען געלאָפן אהין און צוריק, אזוי ווי דער אויסזען פון א בליצשטראַל״.

„איך האָב אָנגעקוקט די חיות, ערשט צו איין ראָד איז אויף דער ערד נעבן די חיות צו זייערע פיר פנימער. דער אויסזען פון די רעדער איז געווען ווי דער אָנבליק פון גאָלדשטיין, און די ארבעט איז געווען ווי איין ראָד וואָלט זיך געפונען אינם אנדערען ראָד. זיי זיינען געגאנגען אין אלע פיר זייטן און זיך ניט אומגעדרייט. זייערע רייפן האָבן געהאט אי א הויכקייט און אי מורא׳דיגקייט, און זיינען געווען פול מיט אויגן ארום. אז די חיות זיינען געגאנגען, זיינען געגאנגען די רעדער נעבן זיי; אז די חיות האָבן זיך אויפגעהויבן, האָבן זיך אויפגעהויבן די רעדער״.

„איבער די קעפּ פון די חיות איז געווען דער געשטאַלט פון א הימל, ווי דער אָנבליק פון מורא׳דיקן אייז, אויסגעשפּרייט איבער די קעפּ. אונטער דעם הימל זיינען געווען זייערע פליגלען, איינער גלייך אנטקעגן אנדערן. ביים גיין האָט זיך געהערט דער גערויש פון די פליגלען ווי דער גערויש פון גרויסע וואסערן, ווי דער גערויש פון א מחנה. אז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט זייערע פליגלען און אין הימל איז געוואָרן א גערויש״.

„איבערן הימל איז געווען דער אויסזען פון סאַפּירשטיין און דער געשטאַלט פון א טראָן; איבערן טראָן א געשטאַלט ווי דער אויסזען פון א מענטש. איך האָב געזען ווי דעם אָנבליק פון בורשטין מיט א ראָם ארום, ווי דער אויסזען פון פייער, איבער די לענדן ארויף. פון די לענדן אַראָפּ האָב איך געזען דעם אויסזען פון פייער מיט א שיין ארום, ווי א רעגנבויגן אין א וואָלקנדיקן טאָג. אָט דאָס דאָזיקע איז געווען דער אויסזען פונם געשטאַלט פון גאָט׳ס פּראַכט. אזוי ווי איך האָב עס דערזען, בין איך געפאַלן אויף מיין פנים און דערהערט א שטים ריידן צו מיר״ — (יחזקאל קאַפּיטל 1 פסוק 1—25.

אויך ישעיהו האָט געזען גאָט זיצן אויף א הויכן שטול וועמענס ברעגן האָבן אָנגעפילט דעם גאנצן היכל. אויך ביי אים איז פאראן א ביסל נשמיות׳דיקע פאָרשטעלונג פון גאָט מיט ברענענדיקע מלאכים וואָס שטייען ביי זיין זייט. דער איינדרוק ביי אים איז אָבער ניט קיין פרעמדער, ניט קיין מיטאלאָגישער. גיכער מערקט זיך דארין בילדלעכקייט, אָדער אפשר אביסל מליצה. סיי ווי מאלט עס ישעיהו אין קורצע גע-

ציילטע ווערטער, און גייט גלייך איבער צום עצם שליחות. ער הערט ווי גאָט זוכט א נביא, און ער נעמט אויף זיך די מיסיע.

א סך מער מענשלעכער איז דער רוף צו דער נבואה מצד ירמיהו. גאָט באַפעלט אים ניט צו טענה'ן אז ער איז נאָך יונג, ווייל גאָט אליין וועט אים זאָגן וואָס צו ריידן. ביי זיי ביידן איז דער עיקר געווען דער אינהאַלט פון גאָט'ס רייד, און ניט די בילדלעכקייט און גוזמאות. א סך געלערנטע ווילן האָבן, אז יחזקאל האָט זיך באַנוצט מיט דער גשמיות'דיקער און גוזמא'דיקער בילדלעכקייט פון גאָט, כביכול, און דעם הימלישן פּאַלאַץ, דערפאַר וואָס ער האָט נביאות געזאָגט אין בבל, וואו די קונסט און רעליגיעזער סימבאָליזם איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט, און איז תמיד געמאָלן געוואָרן מיט מחנות חיות אין מענשלעכע געשטאַלטן און מיט פליגל פון פויגל. זיין כונה איז אודאי געווען צו מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק אויף זיינע צוהערער.

אגב, איז דאַמאָלט געווען שטאַרק הערשנדיק דער אַפּאָקאַליפּטישער טיפּ ליטעראַטור אין וועלכער אידייען זיינען רעפּרעזענטירט געוואָרן דורך קאָנקרעטע סימבאָלן. ס'איז געווען אזא מין סטיל און פאָרם, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסרופן די העכסטע מאָס עמאָציע. די שפּעטערדיקע נביאים, ווי א שטייגער זכריהו, האָבן זיך טאַקע טיילווייז באַנוצט מיט דער דאָזיקער פאָרם כדי אַמשטאַרקסטן צו ווירקן אויף די צוהערער.

אויך יחזקאל האָט געוואָלט אַמשטאַרקסטן ווירקן אויף זיינע צוהערער, האָט ער די באַפולמעכטיגונג זיינע צו ווערן א נביא בישראל איבערגעגעבן אין אַפּאָקאַליפּטישער פאָרם, און כסדר אָנגעהאַלטן דעם דאָזיקן סטיל און פאָרם אין אַלע זיינע זעאונגען.

די ערשטע וויזיע זיינע אין וועלכער עס ווערט אים איבערגעגעבן זיינע שליחות צו די אידן, איז געווען א מגילה באַשריבן פון אינווייניק און אויסנווייניק מיט קלאַגן, זיפצעניש און ווייען. די דאָזיקע מגילה איז יחזקאל באַפוילן געוואָרן אויפצועסן, אָנדייטנדיק אז גאָט'ס וואָרט איז איצטער אין אים פאַרקערפּערט.

„מענשנקינד, דיין בויך זאָלסטו אָנשפּייזן,
און דיינע אינגעווייד זאָלסטו אָנפילן,
מיט דער דאָזיקער מגילה וואָס איך גיב דיר".
(יחזקאל קאפּיטל 3 פּסוק 3).

יחזקאל האָט די מגילה אויפגעגעסן, און ער האָט דערפילט א טעם פון זיסקייט. דאמאָלט האָט גאָט אים געגעבן דעם ערשטן באפעל:

„אלע מיינע רייד צו דיר
נעם אריין אין דיין הארצן,
און מיט דיינע אויערן הער.

קום צו די פארטריבענע,
צו די קינדער פון דיין פאָלק,
און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אזוי האָט געזאָגט גאָט דער האר;
סיי זיי וועלן הערן,
סיי זיי וועלן פארמיידן".
(קאפּיטל 3 פּסוק 10—11).

יחזקאל האָט זיך אויך דערפילט ווי א וועכטער צו ווארענען זיין פאָלק קעגן יעדער געפאר, ווייל דער זינדיקער מוז פריער געווארנט ווערן אנדערש פאלט זיין פארגאָסן בלוט אויפן קאָפּ פונם פירער.

אין די פינף יאָר פארן פולשטענדיקן חורבן פון ירושלים, איז זיין נבואה געווען געווענדט הויפּטזעכלעך אויף זיין היימלאנד יהודה. די פארטריבענע אין בבל זיינען געשטאנען אין נאָענטער פארבינדונג מיט די פארבליבענע אין יהודה, און יחזקאל איז געווען גוט אינפאָר־מירט איבער יעדער באוועגונג און טענדענץ אין דער אלטער היים. יחזקאל האָט זיך באמיהט קומען ירמיה'ן צו הילף און אָנגעווענדט גאָר זיין ענערגיע איינצוהאלטן די אומצופרידנקייט און פאלשע האָפענונגען.

דער גורל פון יחזקאל איז דאריבער געווען ניט קיין בעסערער ווי ירמיהו'ס אין יהודה. ביידע האָבן באגעגנט גרויס קעגנערשאפט און סקעפּטיציזם. ווען דער קריזיס האָט זיך דערנענטערט האָט ער זיך

באנוצט מיט א סעריע ווירקנדיקע סימבאלן. ער האָט גענומען א ציגל און אויף אים אויסגעקריצט די שטאָדט ירושלים ווי זי ווערט באלאגערט. ארום דעם ציגל האָט ער געמאכט א באלאגער־מויער מיט אן ערדוואל און אנטקעגן דעם אוועקגעשטעלט מחנות שטורעמבעק.

„און נעם דיר אן אייזערנע פאן,
און שטעל איר אוועק ווי אן אייזערנע וואנט
צווישן דיר און צווישן דער שטאָדט
און זאָלסט קערן דיין פנים צו איר,
און זי זאָל זיין אין באלאגערונג״.
(קאפיטל 4 פסוק 3).

דאָס דאָזיקע האָט באדארפט דינען ווי א סימן, אז צווישן גאָט און זיין פאָלק ליגט א באריערע וואָס דערלאָזט ניט זיי באשיצן קעגן בבל. יחזקאל האָט זיך אויך אוועקגעלייגט א סך טעג נאָכאנאנד אויף א זייט און זיך ניט איבערגעדרייט, כדי דאמיט אָנצעווייזן אז ער איז געבונדן און הילפלאָז. כדי צו מאָלן א שרעקנסבילד פון באלאגערונג, האָט דער נביא זיך געלאָזט באקן שפייז ברויט געמישט מיט לינדזן און הירזש און עס געגעסן די גאנצע צייט וואָס ער איז געלעגן אויף איין זייט.

„און גאָט האָט געזאָגט:
אזוי וועלן עסן די קינדער פון ישראל
זייער ברויט אומריין צווישן די פעלקער
יוואוהין איך וועל זיי פארשטויסן״.
(קאפיטל 4 פסוק 13)

זיין פירטער סימבאל איז געווען פונקט אזוי דראמאטיש. אָפּ־שניידנדיק זיך מיט א שארפן שווערד די האָר פון קאָפּ און באָרד, האָט ער זיי צוטיילט אין דריי טיילן. איין טייל האָט ער פארברענט אין מיטן שטאָדט, א צווייטן טייל האָט ער צושלאָגן מיטן שווערד, און דעם דריטן טייל האָט ער צושפרייט מיטן ווינד. בלויז א קליינעם איבערבלייב, טאקע נאָר עטלעכע אין צאָל, האָט ער צוזאמענגעבונדן און באהאלטן. נאָך עטלעכע האָט ער אריינגעוואָרפן אין פייער, און —

„דערפון וועט ארויסגיין א פייער
אויפן גאנצן הויז פון ישראל”.
(קאפיטל 5 פסוק 4).

די עטלעכע האר וואס ער האט באהאלטן, האבן סימבאליזירט דעם איבערבלייב פון ישראל צו וועמען גאט וועט דערפילן אלע זיינע הבטחות.

די מערסטע רעדעס האט יחזקאל געהאלטן נעבן זיין הויז, וואס איז געשטאנען הארט ביים געטא־מויער. אין אוונט ווען דער שאטן האט זיך אנגעהויבן אויסשפרייטן איבער דער געטא, האט יחזקאל ארויסגעשלעפט אלע זיינע זאכן פון הויז, זיך אדורכגעגראבן דורך דער געמויערטער וואנט און אוועקגעוואנדערט אין דער טונקלקייט מיט די זאכן אויפן פלייצע, ווי ער וואלט ווידעראמאל געווען געצוואונגען צו גיין אין גלות. צוריקקומנדיק מיטן פרימארגן צוגלייך, האט ער פארן פארזאמלטן עולם אידן דערקלערט דעם באדייט פון זיין טאט.

„זעט, איך ברענג אויף אייך א שווערד,
און וועל אומברענגען אייערע במות.

פארוויסט וועלן ווערן אייערע מזבחות,
און וועל מאכן פאלן אייערע דערשלאגענע.

און פאלן וועלן דערשלאגענע צווישן אייך,
און איר וועט וויסן אז איך בין יהוה.

אבער איך וועל לאזן אן איבערבלייב
איר זאלט האבן אנטרונענע פון שווערד
ווען איר ווערט צושפרייט צווישן פעלקער.

און אייערע אנטרונענע וועלן מיך דערמאנען
ווי אזוי איך בין געווען צובראכן
צוליב זייער פארפירט הארץ,
וואס האט זיך אפגעקערט פון מיר”.
(קאפיטל 6 פסוק 3—9).

יחזקאל איז עקשנות'דיק אין זיין מיטווירקונג מיט ירמיהו'ן. אויף אלערליי אופנים האָט ער געפּרובירט ווירקן אויף די אידן אין יהודה ניט צו רעוואָלטירן קעגן בבל, און אויף די אידן אין בבל ניט צו דער־וואַרטן קיין באַלדיקע ישועות נאָר בעסער זיך אַריענטירן און אָנהויבן בויען א נייַ לעבן אין גלות. דאָ וואו ער האָט ניט געקאָנט ווירקן מיט הוילע רייד, האָט ער זיך גענומען צו סימבאָלישע מאַלערייען:

„א הויכער קול האָט אויסגערופן אין מיין אויער: מאַכט גענענען די וואָס זיינען געזעצט אויף דער שטאָדט, איטלעכן מיט זיין צושטער־געצייג אין האַנט. זעקס מענער זיינען אָנגעקומען פון צפון, איינער מיט שרייבגעצייג אויף זיינע לענדן, און זיך אַוועקגעשטעלט נעבן קופּערנעם מזבח. גאָט'ס הערלעכקייט האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם כרוב און גערופן צום שרייבער: גיי דורך אין מיטן שטאָדט ירושלים און מאַך א צייכן אויף די שטערנס פון די מענשן וואָס זיפצן איבער די אומגערעכטיגקייטן. צו די איבריקע האָט גאָט געזאָגט: גייט דורך אין שטאָדט און שלאָגט אָן רחמנות. א זקן, א בחור און א מיידל, קליינע קינדער און ווייבער זאָלט איר הרגענען צום טוידט. בלויז צום מענשן אויף וועמענס שטערן ס'איז פאַראַן דער צייכן זאָלט איר ניט גענענען. אָנהויבן זאָלט איר מיט מיין הייליגטום, און אָנפילן דאָס הויז מיט דער־שלאָגענע".

„און עס איז געווען ווען זיי האָבן געשלאָגן, בין איך געפאַלן אויף מיין פּנים און געשריען: וויי, גאָט דו האַר, ווילסטו אומברענגען דעם גאַנצן איבערבלייב פון ישראל? האָט ער צו מיר געזאָגט: די זינד פון ישראל איז גרויס.

„דערפאַר וועט אייך מיין אויג ניט שוינען,
און איך וועל זיך ניט דערבאַרעמען".
(קאַפּיטל 9 פסוק 1—10).

מיט די אַלע שרעקנס־בילדער האָט יחזקאל געוואָלט באַווייזן די אידן, אז זייער שיקזאל איז א פאַר'חתמעטער פון גאָט, און קיינער קאָן עס ניט ענדערן. אַנדערש האָט אָבער געדענקט דאָס פאָלק אַליין. דער אינסטינקט פון זעלבסט אויפהאַלטונג האָט אין אים דערוועקט יעדע מעגלעכע האָפענונג. דאָס פאָלק איז אויך דערמוטיקט געוואָרן פון די

פאַלשע נביאים, און יחזקאל, ווי ירמיהו, האָט קעגן זיי ביטער געקעמפט און אויף זיי אויסגעגאָסן גאָר דעם צאָרן.

„ווי צו די נביאים מנוולים,
וואָס גייען נאָך זייער געמיט.

אזוי ווי די פוקסן אין חורבות,
זיינען דיינע נביאים, ישראל.

זיי האָבן געזען פאַלשקייט און ליגן,
זיי וואָס זאָגן: גאָט האָט געזאָגט,
ווען גאָט האָט זיי גאָרניט געשיקט.

מיין האנד וועט זיין אויף די נביאים,
וואָס זעען פאַלשקייט און זאָגן ליגן;
אין דער עצה פון מיין פאָלק וועלן זיי ניט זיין,
און אין דער געשיכטע פון ישראל'ס הויז
וועלן זיי ניט פארשריבן ווערן.

זיי האָבן פארפירט מיין פאָלק און געזאָגט:
שלום! ווען קיין שלום איז גאָר ניטאָ".
(קאפיטל 13 פסוק 3—10).

יחזקאל האָט זיך אויך פארווענדט צום פשוטן שכל פון זיינע צוהערער. אין א ריי גראפישע בילדער גיט ער אן איבערבליק איבער דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק. זיין צוועק איז דערביי א צווייפאכער: ער וויל דערמיט אָפּענטפערן אויף די טענות פון די פארטריבענע אז גאָט משפט זיי ניט מיט גערעכטיגקייט, און אויך זיי איבערצוצייגן אז גאָט וועט זיי ניט מציל זיין אין א בונט קעגן בבל.

ער דערמאָנט זיי ווי גאָט האָט געליבט זיין פאָלק, זיך מיט אים פארבינדען אויף אייביק און אים געגעבן גאָר דאָס גוטס אויף דער וועלט. האָט אָבער ישראל געזינדיקט אזוי שטארק, אז סדום און עמורה האָבן שוין געפירט זיך מער יושר'דיק.

„אַט איז דיין געבורט:
אין טאָג וואָס דו ביסט געבאָרן
האָט מען דיין נאפּל ניט אָפּגעשניטן,
און אין וואסער האָט מען דיך ניט געבאָדן.

ניט דערבארעמט האָט זיך אן אויג אויף דיר
צו האָבן רחמנות אויף דיר:
ביסט אוועקגעוואָרפן געוואָרן אויפן פרייען פעלד
צוליב דער עקלדיגקייט פון דיין לייב.

בין איך פארבייגעגאנגען פארביי דיר,
און דיך געזען זיך וואלגערן אין דיין בלוט,
און האָב געזאָגט צו דיר אין דיין בלוט: לעב!

ווי די שפּראָצונג אויפן פעלד האָב איך דיך געמאכט,
און ביסט געוואקסן, ביסט גרויס געוואָרן,
און געקומען אין הערלעכער שיינקייט;
די בריסט זיינען געוועזן געפורעמט,
דיינע האָר האָבן געשפּראָצט,
נאָר נאקעט און הויל ביסטו געוועזן.

בין איך פארבייגעגאנגען און דיך דערזען;
ערשט דיין צייט איז רייף פאר ליבשאפט;
האָב איך אויסגעשפּרייט מיין קלייד
און צוגעדעקט דיין נאקעטקייט;
און איך האָב דיר געשוואָרן,
און געשלאָסן א בונד מיט דיר,
און ביסט געוואָרן מיינע.

כ'האָב דיך ארומגעוואשן מיט וואסער,
אָפּגעשווענקט דיין בלוט פון דיר,
און דיך באשמירט מיט פעטן אויל.

כ׳האָב דיך באקליידט מיט געשטיקטן געוואנט,
און דיך באשוכט מיט תחש-פעל,
פארוויקלט דיין קאָפּ מיט לינען,
און דיך באדעקט מיט זייד.

כ׳האָב דיך באפוצט מיט צירונג,
און אָנגעטאָן ארעמבענדער אויף דיינע הענד,
און א האלזבאנד אויף דיין האלז.

כ׳האָב אָנגעטאָן א רינג אויף דיין נאָז,
און אוירענגלעך אויף דיינע אויערן,
און א שיינעם קרוין אויף דיין קאָפּ.

האָסט זיך אָנגעצירט אין גאָלד און זילבער,
זעמלמעל, האָניג און אויל האָסטו געגעסן,
און ביסט זער שיין געוואָרן,
און זיך געפאסט פאר א מלוכה.
איז דיין נאָמען ארוים צווישן פעלקער
דורך מיין פראכט וואָס איך האָב געטאָן אויף דיר.

אָבער האָסט זיך פארלאָזן אויף דיין שיינקייט,
און האָסט מזנה געווען אויף דיין נאָמען,
און אויסגעגאָסן דיין זנות אויף דורכגייער.

האָסט גענומען פון דיינע קליידער
און דיר געמאכט געפלעקטע במות,
און אויף זיי מזנה געווען.

האָסט גענומען דיינע שיינע זאכן,
פונם גאָלד וואָס איך האָב דיר געגעבן,
און זיך געמאכט א בילד פון א מאנספערשוין,
און דערמיט מזנה געווען.

האָסט געגומען דיינע זין און טעכטער,
וואָס דו האָסט מיר געבאָרן,
און זיי געשלאכט פאר די אָפּגעטער.

ווינציק איז דיר געווען דיין זנות,
האָסטו נאָך געשאָכטן מיינע קינדער,
און זיי געבראכט פאר קרבנות.

אין אלע דיינע עולות און זנות
האָסטו ניט געטראכט פון דיין יוגנט
ווען דו ביסט געווען נאקעט און הויל,
זיך וואלגערנדיק אין דיין בלוט.

און עס איז געווען נאָך גאָר דיין שלעכטסקייט —
וויי, וויי דיר, זאָגט גאָט דער האר —

האָסטו מזנה געווען מיט די זין פון מצרים,
דיינע שכנים די גרויסלייביקע,
און האָסט געמערט זנות מיר צו דערצערנען.
האָב איך אויסגעשטרעקט מיין האנד,
און דיך איבערגעגעבן צו דיין פיינט.

האָסטו מזנה געווען מיט די זין פון אשור,
ווייל דו האָסט זיך ניט געקענט אָנזעטיקן;
האָסט מזנה געווען מיט זיי,
און זיך פאָרט ניט געזעטיקט.

האָסטו געמערט דיין זנות
מיט די כשדים, די קרעמער,
און אלץ ניט זאט געוואָרן.

ווי שוואך איז דיין הארץ, זאָגט גאָט,
אז דו האָסט געטאָן דאָס דאָזיקע,
ווי עס טוט אן ארצי־זונה.

אלע זונות גיט מען א געשאנק,
און דו האָסט געגעבן דיינע געשאנקען
צו אלע דיינע ליבהאבער,
און זיי אונטערגעקויפט צו קומען
מיט דיר מזנה צו זיין.

ביי דיר איז געווען אלץ קאפויר:
דו ביסט אלעמען נאָכגעלאָפן,
און קיינער איז צו דיר ניט געקומען;
דו האָסט אלעמען געגעבן לוין,
און דיך האָט קיינער ניט באלוינט".
(קאפיטל 16 פסוק 1—34)

אזא אומטרייהייט צו גאָט, אזא אומווירדיגקייט און אזוי פיל שלעכטס, דערקלערט זיי דער נביא, גיט די אידן קיין רעכט ניט צו דער־ווארטן רחמנות. די שטראף איז א גערעכטע, זי קומט און מוז קומען.

„הער, דו זונה, דאָס וואָרט פון גאָט:
ווייל דיין שמוציגקייט האָט זיך אויסגעגאָסן,
און דיין שאנד איז אנטפלעקט געוואָרן
און דיין זנות מיט די ליבהאבער
און מיט די אומריינע אָפגעטער,
זאמל איך איין אלע דיינע ליבהאבער
וואָס דו האָסט זיך גע'חנ'דלט צו זיי,
און וועל אנטפלעקן דיין שאנד צו זיי.

איך וועל דיך משפטן מיט דעם משפט
פון נואף'טעם און בלוט פארגיסער;

איך וועל ברענגען אויף דיר
בלוט פון גרימצאָרן און פאַרדרוס.

כ'וועל דיך איבערגעבן אין זייער האַנד,
און זיי וועלן צושטערן דיינע הויכע ערטער;
זיי וועלן דיר אויסטאָן דיינע קליידער,
און צונעמען דיינע שיינע זאַכן,
און דיך לאָזן נאַקעט און הויל.

זיי וועלן טאָן אויף דיר א משפט
פאַר די אויגן פון אַלע דיינע ווייבער;
זיי וועלן דיך מאַכן אויפהערן זיין א זונה,
און וועסט מער קיין לוין ניט קענען געבן.

איטלעכער ווערטלזאָגער וועט שפּאָסן:
ווי די מוטער אַזוי איר טאָכטער.

דיין גרעסערע שוועסטער איז געווען שומרון,
און דיין קלענערע שוועסטער — סדום.

ביסטו אין זייערע וועגן געגאַנגען,
און זייערע מעשים רעים געטאָן;
אין א קורצער ווייל ביסטו געוואָרן
פאַרדאָרבענער פון זיי אַלעמען.

דערפאַר טראָג די שאַנד,
וואָס האָסט זיי געמשפּט:
דורך דיינע זינד ווערן זיי גערעכטער פון דיר".
(קאַפּיטל 16 פסוק 35—52).

יחזקאל פאַרגלייכט יהודה צו א שמוציקן טאָפּ, וועלכער מוז אַריינגעוואָרפן ווערן אין א ברענענדיקן שמעלצאויוון, כדי פון זיך אויסצורייניקן דעם אָפּפאַל און פון ריינעם מעטאַל מאַכן א נייעם טאָפּ.

„דערפאר האָט גאָט געזאָגט:
ווײ די בלוטיקע שטאָדט!

מער דאָס האָלץ, צינדט אָן דאָס פײער,
צוקאָכט דאָס פלײש, די בײנער זאָלן צוברענט װערן.

און לאָז אים שטײן א לײדיקן אויף די קוילן,
כדי ער זאָל דערהיצט װערן,
און זײן קופּער זאָל צוברענט װערן,
און צושמאָלצן װערן זאָל די אומרײנקײט”.
(קאפּיטל 24 פּסוק 10—11).

יחזקאל האָט קלאָר דעפינירט דעם דאקטרין פון אינדיװידועלער פאראנטװאָרטלעכקײט. ער האָט ניט אָפּגעלײקנט דעם פאקט אז יעדער אײנער לײדט צוליב די זינד פון דער גאנצער געזעלשאפט, ער האָט אָבער אויך ניט צוגעגעבן אז יעדער אײנער באזונדער איז שולדיק אין די פארברעכנס פון דער געזעלשאפט. אין די קלאָרסטע טערמינען דערקלערט ער, אז יעדער יחיד איז אין די אויגן פון גאָט פאראנטװאָרטלעך בלויז פאר זײנע אײגענע מעשים, און אז ניט די פארגאנגענע מעשים נאָר די געגענװאַרטיקע באשליסן דעם שיקזאל פונם מענשן. יחזקאל׳ס שליחות אינם קריטישן מאָמענט איז דאריבער געװען א רוף צו יעדן יחיד באזונדער זיך אומצוקערן פון שלעכטן װעג פארזיכערנדיק אים, אז ניט בלויז איז גאָט גערעכט אין זײן משפט, נאָר איז אויך גערן צו פארגעבן די זינד פון בעל תשובה.

„אזוי װי איך לעב, זאָגט גאָט דער האר,
אויב איך באגער דעם טוידט פון שלעכטן,
נײערט דער שלעכטער זאָל זיך אומקערן פון זײן װעג
און בלײבן לעבן.
קערט אײך אום, קערט אײך אום פון אײערע
שלעכטע װעגן:
און נאָך װאָס זאָלט איר שטארבן, הויז פון ישראל?!

און דו מענשנקינד, זאָג צו די קינדער פון ישראל:
די גערעכטיגקייט פונם גערעכטן וועט אים ניט מציל זיין
אין טאָג פון זיין פארברעכן,
און די שלעכטסקייט פונם שלעכטן וועט אים ניט
שטרויכלען
אין טאָג ווען ער קערט זיך דערפון אָפּ;
דער וואָס איז א גערעכטער קאָן ניט בלייבן לעבן
אין טאָג פון זינד".
(קאפּיטל 33 פּסוק 11—12).

דעם דאָזיקן רעיון פון תשובה און פון כלל און פּרט, האָט יחזקאל אויפגעפּאסט ערשט דאמאָלט ווען די טעג פון ירושלים'ס חורבן האָבן זיך שוין דערנענטערט. די אידן אין גלות און אין יהודה זיינען ארומגעכאפּט געוואָרן פון א שרעקלעכן ייאוש. יעדער איינער האָט זיך דאמאָלט דערזען א זינדיקער פאר וועמען עס איז מער ניטאָ קיין אויסוועג און האָפענונג. דער נביא האָט אין זיין גרויסער וויזיע דערזען דעם חורבן צו וואָס דער ייאוש קאָן דערפירן, און ער איז אנשטאט א שטראָפער געוואָרן א טרייסטער, א נביא פון האָפענונג. יחזקאל האָט געמאכט דעם מענשן פאַרן הערשער איבער זיינע אייגענע מעשים, און אים באפרייט פון די זינד פון זיינע עלטערן. נאָך מערער: דער מענש קאָן זיך אפילו באפרייען פון די אייגענע זינד. ער דארף בלויז ווערן א בעסערער מענש און מערער ניט טאָן קיין שלעכטס.

ירמיהו האָט שוין פריער גערעדט וועגן דער אינדיווידועלער פארוואנדשאפט מיט גאָט. יזחקאל אָבער האָט דעם דאקטרין דעפינירט קלאָר און בולט. דער חורבן בית המקדש האָט עס אים געגעבן די דאָזיקע אויפפאסונג. דער אידישער גאָט איז געווויסערמאסן געווען לאָקאליזירט, און זיין פארוואנדשאפט איז געווען ווי א גאָט פון א באשטימטן פאָלק אויף א באשטימטן אָרט — אויפן הר ציון. אז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגעהערט צו זיין אן איינינקייט, טאָ וואו איז געבליבן די גאָטהייט?

יחזקאל איז געווען א כהן, אָבער ער איז אויף אייביק פארטריבן געוואָרן פון בית המקדש און זיין ריטואל. ער איז געווען א איד, אן ארץ ישראלי, אָבער ער האָט געוואוסט אז ער וועט מער זיין

אייגן לאנד ניט אָנזען. איז ער געקומען צום באגריף, אז זיין אייגענע נשמה איז א מזבח און אז גאָט איז זיין פאָטער און איז מיט אים אומעטום, אפילו אין בבל. די אידן האָט געדוכט אז זיי ליידן צוליב די זינד פון זייערע עלטערן, און האָבן צווישן זיך געהאט א ווערטל: „די טאטעס האָבן געגעסן זויערע וויינטרויבן, און די קינדער ליידן אויף די יאָסלעס". יחזקאל האָט אָפּגעלייקנט דעם אמת פונם ווערטל, און זיי פשוט דערקלערט אז זיי ליידן ניט צוליב די עלטערנ'ס זינד נאָר צוליב די אייגענע, ווייל יעדער מענש איז פאראנטוואָרטלעך פאר זיינע אייגענע זינד.

קאָנטיק, אז נאָכן חורבן האָבן די אידן אָנגעהויבן זיך בעסער צוצוהערן צו יחזקאל'ס רייד, כאָטש געפאָלגט האָבן זיי אים נאָך ניט.

„און דו מענשנקינד,
די קינדער פון דיין פאָלק ריידן פון דיר
ביי די ווענט און איינגאנג פון הויז,
און איינער רעדט מיט דעם אנדערן:
קומט אקאָרשט און הערט,
דאָס וואָרט פון גאָט.

זיי קומען צו דיר ווי א צונויפקום פון פאָלק,
און זיי זיצן פאר דיר ווי כלומרשט מיין פאָלק,
הערן זיך צו צו דיינע ווערטער,
אָבער טוען זיי ניט.

אָבער ווען ס'קומט, זע, ס'קומט —
וועלן זיי וויסן אז א נביא איז געווען צווישן זיי".
(קאפיטל 33 פסוק 30—33).

איז עס אפשר געווען דערפאר וואָס די אידן האָבן איצטער, נאָכן חורבן, איינגעזען, אז יחזקאל איז געווען גערעכט און זיינע נביאות אמתע. גיכער איז אָבער צו גלויבן, אז די אידן האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צו זיינע רייד ווייל זיי האָבן מער ניט אנטהאלטן די ביטערקייט און פארדרוס, די שטראָף און תוכחה.

יחזקאל'ם טאָן איז איצטער געוואָרן א לירישער, א ליבלעכער און טרייסטנדיקער, א ווייכער און הארציקער. ער האָט זיי איצטער געזאָגט, אז די פרעמדע פעלקער וועמען גאָט האָט באשטימט צו זיין די פאסטוכער פונם אידישן פאָלק האָבן ניט דערפילט זייער חוב,

„ווי, די פאסטוכער פון ישראל
וואָס האָבן געפיטערט זיך אליין!
דארפן ניט פאסטוכער פיטערן זייערע שאָף?

דאָס פעטס עסט איר אויף,
מיט דער וואָל באקליידט איר זיך,
און די שאָף פיטערן טוט איר ניט.

די שלאפע האָט איר ניט געשטארקט,
די קראנקע האָט איר ניט געהיילט,
די צובראָכענע האָט איר ניט ארומגעבונדן,
און די פארלאָרענע האָט איר ניט אומגעקערט,
נאָר מיט געוואלד געוועלטיקט איבער זיי.

איר פאסטוכער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט:
איך וועל מאָנען מיינע שאָף פון אייער האנד.

איך וועל נאָכפרעגן אויף מיינע שאָף,
און איך וועל זיי אויפזוכן.

איך וועל זיי ארויסציען פון די פעלקער,
וועל זיי איינזאמלען פון די לענדער,
און וועל זיי ברענגען אויף זייער ערד,
און זיי פיטערן אויף די בערג פון ישראל.

איך וועל אויפשטעלן איבער זיי א פאסטוך
וואָס וועט זיי פיטערן — מיין קנעכט דוד
וועט זיי פיטערן און ער וועט זיין דער פאסטוך".

(קאפיטל 34 פסוק 2—23).

דער נביא מאָלט איצטער א הערלעך בילד פאר די אידן: דוד המלך, דער געזאַלבטער פון גאָט וועט זיין דער פאסטוך וואָס וועט פיטערן די אידן אויף די פרוכטבארע פעלדער פון ארץ ישראל, און גאָט אליין וועט רייניקן זיין פאָלק און אריינגעבן א ניי הארץ און א נייעם געמיט

„איר, בערג פון ישראל, וועט געבן אייערע צווייגן,
און טראָגן אייער פרוכט פאר מיין פאָלק ישראל;

ווארום אָט קום איך צו אייך,
און איר וועט פארזייט ווערן.
און איך וועל מערן אויף אייך מענשן,
דאָס גאנצע הויז פון ישראל;
און די שטעדט וועלן באזעצט ווערן,
און די חורבות וועלן אָפגעבויט ווערן".
(קאפיטל 36 פסוק 8—11).

דער נביא פארפעלט נאָך איצטער אויך ניט אָנצעווייזן אויף די זינד, אָבער שוין אָן דער פריערדיקער שטרענגקייט. ער דערמאָנט בלויז אויף דער פארגאנגענער זינד כדי צו באטאָנען נאָכאמאָל זיין נייער אויפפאסונג, אז אויב א מענש טוט גוטס ווערט ער ניט געשטראָפט פאר פארגאנגענער זינד, און אויב ער טוט איצטער שלעכטס, העלפט אים ניט דאָס גוטס וואָס ער האָט אמאָל געטאָן.

„און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר:
דאָס הויז פון ישראל זיצנדיק אויף זייער ערד,
האָבן זיי איר פאראומרייניקט
מיט זייערע דרכים און מעשים;
אזוי ווי די אומריינקייט פון אן אָפגעזונדערטער פרוי
זיינען זייערע מעשים געווען פאר מיר.

האָב איך אויסגעגאָסן אויף זיי מיין צאָרן
פארן בלוט וואָס זיי האָבן פארגאָסן אין לאנד.

איך האָב זיי צעשפּרייט צווישן פעלקער
און זיי צעוואָרפן צווישן לענדער;
ווּעדליק זייערע מעשים האָב איך גע׳משפּט.

איצטער וועל איך אייך אַלעמען צונויפנעמען
און איינזאַמלען פון אַלע לענדער,
און אייך ברענגען אויף אייער ערד.

איך וועל שפּריצן אויף אייך ריינע וואַסער,
און איר וועט ריין ווערן;
פון אַלע אומריינקייטן און אָפּגעטער
וועל איך אייך רייניקן.

און איך וועל אייך געבן אַ נייע האַרץ,
און אַ נייע געמיט וועל איך אַריינגעבן,
און וועל אָפּטאָן דעם שטיין פון אייער האַרץ
און וועל אייך געבן אַ האַרץ פון פלייש.

און מיין גייסט וועל איך אַריינגעבן אין אייך,
און וועל מאַכן אַז אין מיינע וועגן זאָלט איר גיין,
און מיינע געזעצן זאָלט איר היטן און טאָן.

און איר וועט זיצן אין לאַנד פון אייערע עלטערן;
איר וועט זיין אַ פאָלק, און איך אייער גאָט.

איר וועט זיך דערמאָנען אייערע שלעכטע וועגן
און אייערע מעשים די שלעכטע,
און איר וועט זיך שעמען פאַר זיך אַליין״.
(קאַפּיטל 36 פּסוק 16—21).

אַ סך היסטאָריקער זיינען אין דער מיינונג, אַז גרויסע טיילן פון די עשרת השבטים האָבן זיך נאָכן חורבן פון מלכות ישראל געראַטעוועט אַנטלויפנדיק קיין בבל. ווען די אידן פון יהודה זיינען אהין

פארטריבן געוואָרן, האָבן זיי שוין דאָרטן געפונען זייערע לײדנדיקע ברידער, די אחים לצרה. דער ריס צווישן די דאָזיקע צוויי אידישע גלידער פון אידישן פאָלק, איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען פארהיילט. ס'האָט נאָך ווי פריער געהערשט די שנאת חנם, וואָס האָט זיי דער־ווייטערט איינער פון אנדערן. די קינדער פון יהודה האָבן באַין אופן ניט געקענט פארגעסן די זינד פון צורייסן די אידישע מלוכה אין צוויי טיילן, און די קינדער פון אפרים, דעם מלכות ישראל, האָבן זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאר די הויפּט יחסנים און געקוקט מיט ביטול אויף די איבריקע.

יחזקאל הנביא האָט איינגעזען דעם גרויסן חורבן וואָס אזא צו־טיילונג און באציאונג קאָן ברענגען, האָט ער זיך מיט אַלע זיינע כחות באמיט דעם ריס און ברוך אויסצוגלייכן. אין זיין ליבשאפט צום אידישן פאָלק, האָט ער געזוכט צונויפצושמעלצן און דערנענטערןביידע טיילן פונם גלות־פאָלק, און זיי פאַרגעזאָגט א גליקלעכע צוקונפט אונטער א פאראייניקטער פאָן.

זיין אויפגאב האָט ער דערפאָלגרייך דורכגעפירט אין א וויזיע, וואָס ער האָט געהאט וועגן טוידטע ביינער אין מיטן פון א טאָל.

„די האנד פון גאָט איז געווען אויף מיר, און ער האָט מיך ארויס־געטראָגן מיט דעם גייסט פון גאָט און מיך אראָפּגעלאָזט אין מיטן פון טאָל, וואָס איז געווען פול מיט פארטריקענטע ביינער. און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענשנקינד, קאָנען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן? האָב איך געזאָגט: גאָט, דו האָר דו ווייסט דאָך. האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות צו די דאָזיקע ביינער אזוי: איר טרוקענע ביינער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט: זעט, איך ברענג אין אייך אריין אָן אָטעם, און איר וועט לעבעדיק ווערן. איך וועל געבן אויף אייך אָדערן, וועל ארויפ־טאָן פלייש, ארויפציען א הויט, אריינגעבן אָן אָטעם און איר וועט לעבע־דיק ווערן. און איך האָב נביאות געזאָגט ווי באפוילן ערשט א גערודער און די ביינער האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אנדערן, אָדערן האָבן זיך ארויסגעזען, פלייש איז ארויפגעוואקסן, א הויט האָט זיך אריבער־געצויגן, נאָר קיין אָטעם איז אין זיי ניט געווען. האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות צו דעם אָטעם: אזוי האָט געזאָגט גאָט דער האר: פון די פיר ווינטן קום דו אָטעם, און הויך אריין אין די דאָזיקע הרוגים, זיי זאָלן לעבעדיק ווערן. האָב איך אזוי געטאָן, און דער אָטעם איז

אריין און זיי זיינען לעבעדיק געוואָרן, און זיך געשטעלט אויף די פיס — א זער גרויסע מחנה".

„און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענשנקינד, די דאָזיקע ביינער
זיינען דאָס הויז פון ישראל;
זע, זיי זאָגן:
פארטריקנט זיינען אונזערע ביינער,
און פארלאָרן איז אונזער האָפענונג.

דארום זאָג נביאות, און זאָג צו זיי:
אזוי האָט געזאָגט גאָט דער האר:
זע, איך עפן אייערע קברים,
און וועל אייך, מיין פאָלק, אויפברענגען
און פירן אין לאנד פון ישראל.

איך וועל אריינגעבן מיין גייסט אין אייך,
און איר וועט לעבעדיק ווערן:
איר וועט האָבן רו אין אייער לאנד,
און וועט וויסן אז איך יהוה
האָב גערעדט און געטאָן".
(קאפיטל 37 פסוק 1—14).

מיט דער דאָזיקער וויזיע האָט דער נביא געמאָלן די ווידעראויפלעבונג פון דער אידישער נאציע, וועלכע וועט ווערן א גרויסע מחנה. אין זיין צווייטער וויזיע האָט ער געזעען ווי גאָט באפעלט אים נעמען איין שטיק האָלץ און אויפשרייבן דארויף: פאר יהודה און פאר די קינדער פון ישראל זיינע חברים; און א צווייט שטיק האָלץ אויף וועלכן ער זאָל אויפשרייבן: פאר יוסף, דער האָלץ פון אפרים, און פון דעם גאנצן הויז פון ישראל זיינע חברים; די ביידע שטיקער האָלץ דערנענטערן איינער צום אנדערן, אז זיי זאָלן ווערן איינס אין זיין האנד.

„אזוי האָט געזאָגט גאָט דער האר:
זע, איך נעם צונויף די קינדער פון ישראל

פון צווישן די פעלקער וואוהין זיי זיינען אוועק,
און וועל זיי איינזאמלען פון ארום און ארום,
און זיי ברענגען אין זייער אייגן לאנד.

און איך וועל זיי מאכן פאר איין פאָלק
אויף די בערג פון ישראל,
און איין מלך וועלן זיי אלע האָבן,
און וועלן מער ניט זיין צוויי פעלקער,
און מער ניט צוטיילט ווערן אין צוויי מלוכות.

און זיי וועלן זיך מער ניט פאראומרייניקן
מיט זייערע אָפּגעטער און מיט זייערע זינד.
איך וועל זיי העלפן און וועל זיי רייניקן,
און זיי וועלן מיר זיין א פאָלק,
און איך וועל זיין זייער גאָט.

און מיין קנעכט וועט זיין א מלך,
און איין פאסטוך וועט זיין ביי אלעמען;
און אין מיינע געזעצן וועלן זיי גיין,
און מיינע מצוות וועלן זיי היטן און טאָן.
און זיי וועלן זיצן אויף דעם לאנד
וואָס איך האָב געגעבן מיין קנעכט יעקב,
און וואו אייערע עלטערן זיינען געזעסן;
און זיי וועלן דאָרטן וואוינען
מיט זייערע קינדער און קינדס קינדער אויף אייביק.

און איך וועל מיט זיי שליסן א בונד פון שלום —

אן אייביקער בונד וועט עס זיין מיט זיי;
און איך וועל זיי באזעצן, און זיי מערן,
און מאכן מיין הייליגטום צווישן זיי אויף אייביק.

אונ מיין רו וועט זיין איבער זיי;
איך וועל זיי זיין א גאָט,
און זיי מיר — א פאָלק".
(קאפיטל 37 פסוק 15—28).

און ניט בלויז די אויסלייזונג און פאראייניגונג פון זיין פאָלק זעט דער נביא, נאָר אויך די פארניכטונג פון די אומגערעכטע פעלקער, די וואָס האָבן געשפּילט א פאלשע, באטריגערישע פּאָליטיק מיט די אידן און זיי געדויבט און אונטערדריקט. דער נביא גלויבט אין משפט און דין, און פילט זיכער אז גאָט וועט סוף כל סוף אויסגיסן זיין צאָרן אויף די ברוטאלע פעלקער.

„אויפן פרייען פעלד וועסטו פאלן,
ווארום איך, גאָט, האָב גערעדט.

איך וועל אַנשיקן א פייער אויף מגוג,
און אויף די וואָס זיצן אין זיכערקייט,
און זיי וועלן וויסן אז איך בין גאָט.

זע, ס'קומט, ס'געשעט, זאָגט גאָט דער האר:
ס'איז דער טאָג וואָס איך האָב אָנגעזאָגט.

מענשנקינד, זאָג צו אלערליי פויגלען,
און צו אלע חיות פון פעלד:
זאמלט אייך איין, און קומט;
קלויבט אייך צונויף פון אומעטום
צו מיין שלאכטונג וואָס איך שלאכט,
און איר וועט עסן פלייש און טרונקען בלוט.

פלייש פון גיבורים וועט איר עסן,
און בלוט פון פירשטן וועט איר טרינקען;
ווידערס, לעמער און בעק,
אָקסן געשטאָפּטע און פעטע.

איר וועט עסן פעטס צו זאט,
און טרינקען בלוט ביז שכרות.

איר וועט זיך זעטיקן מיט פערד און רייטער,
מיט גיבורים און מלחמה־העלדן.

און איך וועל געבן מיין כבוד צווישן פעלקער,
און אלע וועלן זען מיין משפט יענעם טאָג.

און דאָס הויז פון ישראל וועט וויסן
פון יענעם טאָג אָן און ווייטער,
אז איך בין יהוה זייער גאָט.

און אלע פעלקער וועלן וויסן,
אז בלויז צוליב זייערע זינד
איז ישראל אוועק אין גלות
און געפאלן דורכן שווערד".
(קאפיטל 39 פסוק 5—23).

אויסגיסנדיק זיין צאָרן אויף די פעלקער, וואָס האָבן דעם אידן אזוי ברוטאל געדריקט און געפייניקט, פארוועגדט זיך דער נביא ווידער אמאָל צום „יום ההוא", צו יענעם ליכטיקן טאָג ווען די וועלט וועט וויסן אז ניט אין דער גבורה, ניט אין די מלחמות און ניט אין אונטערדריקונגען פון די שוואכערע ליגט דער גליק פון די פעלקער, נאָר אין דער עטיש־פארגייסטיקטער דערקענטעניש פון גאָט.

„אזוי האָט געזאָגט גאָר דער האר:
איך וועל אומקערן די געפאנגענשאפט פון יעקב,
און וועל זיך דערבארעמען אויפן הויז פון ישראל.
איך וועל זיי צוריקקערן פון צווישן די פעלקער,

און זיי איינזאמלען פון די לענדער פון זייערע פיינט,
און איך וועל געהייליקט ווערן דורך זיי
פאר די אויגן פון אלע פעלקער.

און איך וועל מער ניט פארבאַרגן מיין פּנים,
ווארום איך האָב אויסגעגאָסן מיין גייסט
אויף דעם הויז פון ישראל,
זאָגט גאָט דער האר".
(קאפיטל 39 פּסוק 25—29).

די אילוזיע פון הילף וואָס האלט אין קומען ווען א מענש איז אין גרויסער לעבנס־געפאר, איז אָפטמאָל א רעטונג און אמתע ישועה. דער מענש ראנגלט זיך דאמאָלט לענגער, מוטיקער און גיט ניט אויף דעם קאמף. דאָס דאָזיקע דערקלערט אפשר פארוואָס אידן האָבן אזוי אָפט זיך פארטיפט אין די רייד פון יחזקאל הנביא און געפרובירט פון דאָרטן ארויסצוליייענען דורך סודות און רמזים דעם „קץ", דעם סוף פון גלות.

אָפט איז א פאלשער משיח אויפגעשטאנען און דאָס אידישע פאָלק האָט אין זיין גרויסער פארצווייפלונג אָנגענומען א פאלש ליכטל ווי א שיין פון דערלייזונג. דער באגער צו לעבן ווי א געזונט פאָלק, האָט דעם אידן תמיד באוואוינגן צו זוכן שטארקייט און האָפענונג אין די טרייסט ווערטער פון אונזערע נביאים, הגם זיי זיינען געזאָגט געוואָרן אין אנדערע ציטן און אונטער אנדערע אומשטענדן.

ווען די אידן זיינען צום ערשטן מאָל פארטריבן געוואָרן אין גלות בבל, האָט ירמיהו זיי געטרייסט און צוגעזאָגט אז בלויז אין א דור אָדער צוויי שפּעטער וועט קומען די גאולה און די אידן וועלן זיך ווידער צוריקקערן אהיים. יחזקאל איז געווען מער קאנקרעט און מער אויסגעשפּראָכן, און צוגעזאָגט אז עס וועט בלויז געדויערן פערציק יאָר ווערליק די צאָל טעג וואָס ער איז געלעגן אויף איין זייט און זיך ניט אומגעקערט. אודאי האָבן די דאָזיקע צוויי נביאים ניט מתכוון געווען אָנצוגעבן דעם עקזאקטן דויער פון גלות.ביידע האָבן געהאט דעם גרויסן גלויבן סיי אין פאָלק און סיי אין זיין גאָט, און האָבן זיך גייסטיק דער־הויבן איבער די צרות און אומגליקן פון יענער צייט.

ירמיהו און יחזקאל האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אז די אידן האָבן א גרויסע מיסיע דורכצופירן אויף דער וועלט און דער זעלבער גאָט וואָס האָט זיי געדעטעט אין די שווערע מאָמענטן, וועט זיי אויך דאמאָלט ניט פארלאָזן. ביידע נביאים זיינען אויך געווען פולשטענדיק

איבערצייגט, אז דער גלות בבל וועט דעם אידן לייטערן און קריסטאַליזירן און מאכן פון אים א העכערן, מער פארגייסטיקטן מענשן, וואָס וועט ראוי ווערן צו בויען די נייע סאָציאַל־יושר׳דיקע געזעלשאַפט. זייערע חלומות זיינען טאקע טיילווייז, אָבער טאקע בלויז טיילווייז, מקויים געוואָרן. די ערשטע גרופע פארטריבענע איז געהאלטן געוואָרן אין געפאנגענשאפט זעכציק יאָר און די צווייטע — פופציק יאָר. יחזקאל איז בכלל געווען א שטרענגער נאָכפאָלגער פון ירמיהו׳ן. זייער אינטערפּרעטאציע איבער דער פארגאנגענהייט, די פּאסירונגען ארום דעם ערשטן חורבן און די האָפענונגען אין דער צוקונפט, איז אין יעדן פּרט הארמאָניש. בלויז דער אופן ווי אזוי זיי האָבן ארויסגעזאָגט זייערע נביאות און לערן איז אנדערש איינער פון אנדערן.

יחזקאל איז אין אלע זיינע אקטיוויטעטן פארבליבן דער געטרייער כהן, און האָט אפילו אין זיינע וויזיעס געזען דעם בית המקדש א באנייטן און אויפגעבויטן. ער האָט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט באשריבן ווי אזוי צו מאכן דעם בית המקדש און ווי אזוי דורכצופירן דעם ריטואל. קיין איינציקן דעטאל האָט ער ניט דורכגעלאָזן, אפילו ניט די קליידער פון די כהנים. די לעצטע ניין קאפּיטלעך פון ספר יחזקאל זיינען פארנומען דורכאויס מיט די דאָזיקע דעטאלן.

אויך ירמיהו איז געווען א כהן אין ענתות, אָבער ער און זיינע עלטערן האָבן זיך פון דער כהונה צוריקגעצויגן. ירמיהו האָט די כהונה אפילו טיילווייז באקעמפט און כמעט געפאָדערט דעם חורבן פון בית המקדש. לכל הפחות, האָט ער ניט געהאט בדעה צו בויען דאָס ווידעראויפגעלעבטע לאנד אויף א טעאקראטישער ממשלה, אויף דער הערשאפט פון די כהנים. זיין אידעאל און אויפפאסונג איז געווען א מער טיפערע, א מער גייסטיקע, א מער פרייע און גערעכטע.

יחזקאל האָט אָבער אין זיך קאמבינירט דעם נביא און כהן אפשר מערער כהן ווי נביא. ער האָט געגלויבט אז דער אידישער שטאאט דארף זיין איין גרויסער טעמפּעל, א דורכאויס רעליגיעזע געמיינדע אָנגעפירט פון די פּריסטער, די כהנים. אמת, אז זיין טעאקראטישע אָרדענונג האָט באדארפט צו זיין א סאָציאַל־יושר׳דיקע, אזא אין וועלכער „דער פירשט זאָל ניט נעמען פון דעם פאָלקס נחלה, זיי צו קריוודען פון זייער אייגנטום", אזא אין וועלכער עס זאָל הערשן בלויז גערעכטיגקייט און רעכט און וואו ס׳זאָלן זיין „ריכטיקע וואָגשאָלן, א ריכטיקע איפה און א ריכטיקע בת",

אזא אין וועלכער „די פרעמדע וואָס וואוינען צווישן אייך אָדער האָבן געבאָרן קינדער צווישן אייך, זאָלן זיין ווי איינגעבוירענע און האָבן א גלייכע נחלה אין ישראל". דאָך איז אזא מין הערשאפט געווען און פארבליבן פרעמד און דערווידער דעם אידישן גייסט. דער גרעסטער באקעמפער דערפון איז געווען עזרא הסופר ווען ער איז צוריקגעקומען פון בבל אין ארץ ישראל דאָרטן אָנצופירן מיטן אידישן לעבן.

אודאי איז יחזקאל געווען א גרויסער נביא און א גרויסער אידעאַליסט, ווייל קיינער איז ווי ער געווען אזוי קנאי'דיק, אזוי שטרענג, אזוי געוואגט און אזוי דאגמאטיש אין זיינע איבערצייגונגען.

יחזקאל איז אָבער ניט געווען דער גרויסער דיכטער ווי די איבריקע נביאים פאר אים, כאָטש ער האָט דוקא איינגעהילט זיינע רייד אין בילדלעכקייט. גיכער איז ער געווען דראמאטיש, אמאָל שוין צופיל דראמאטיש. יעדע נבואה זיינע האָט ער אָנגעהויבן מיט עפּעס דראמאטישעס. אמאָל איז עס געווען א פאנטאסטישע אימאגינאציע, אמאָל בלויז א ווערטעלע, א מעשה'לע, א פאבל, אן אלעגאריע, און אָפט א דראמאטישע האנדלונג. צו קיין סענסאציע איז עס זיכער ניט געקומען, ווייל אין יעדער האנדלונג זיינער האָט זיך געפילט דער ברענענדיקער ערנסט און די גרויסע אחריות.

יחזקאל פיגורירט ניט בלויז ווי א נביא, נאָר אויך ווי א לערער און אויסטייטשער פון דער תורה. ער קנעלט איין מיט די אידן אין גלות בבל אלע דינים פון קדשים, דינים פון טומאה וטהרה און אויך די דינים פון אונזערע ימים טובים.

די גאולה איז נאָך אין דער ווייטקייט, אפשר בלויז נאָר א טונקעלער חלום, דער נביא דערזעט איר אָבער שוין אין רעאלקייט, טאקע ממש פאר די אויגן. ער זעט אן אויפגעבויטן בית המקדש מיט אלע זיינע אהלים און עזרות, מזבחות און מנורות; ער זעט געננוי די אַרכיטעקטאַרישע פּלענער און סימבאלישע פיגורן: ער זעט די כהנים און לוים ביי דער עבודה, זיין לאַנד און פאָלק באפרייט, און דער גאָלדענער פאָדעם פונ'ם אידיש-נאציאנאלן לעבן זיך שפּינען אין ווייטער אייביגקייט אריין.

אינהאלט

מיכה — — — — — 15-32

צפניה, נחום און חבקוק — — 33-50

ירמיהו — — — — — 51-120

יחזקאל — — — — — 121-152